STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03274

DEM ZEYDNS SHKIE

Menahem Baerush Eppelbaum

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. עפּעלבוים

דעם זיידנס שקיעה

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

1931 וואַרשע

Printed in Poland

DEJM ZAJDENS SZKIJE

B. EPELBAUMA

Wydaw. CH. Brzoza

Warszawa, Gęsia 25.

Drukarnia Lewin-Epstein Warszawa. Pawia 36

כ'בין געזעסן מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם. געפילט: מײַנע אויגן זענען ברייט צעעפנט, זעען אַ וווּנדער:

באַם שרײַב-טיש איז געזעסן אַ שלאַנקער זקן. די האָר אויף זײַן קאָפּ, לענגערע, געדיכטע און ווײַסע ווי פריש-געפאַלענער שניי אין פרימאָרגן. דאָס פּנים קלאָר, אָנגעטרונקען מיט זון; דער שטערן — הויך געשניטן. קליינע, שאַרפע אויגן האָבן שאַרף גע-שפּילט דורך די ברילן; די נאָז אָדלעריש פאַרשפּיצט און די גאָם-בע מיט דעם קליינעם ווײַסן בערדל אַ ביסל אויף פאָראויס. די שמאָלע ליפּן — פאַרשנורעט מיט געלייטערטן, קלוגן סאַר-קאַזם.

ווײַלע—שטיל. באַטראַכטונג. דערוואַרטונג. דאָס הויכע גרויסע צימער איז געווען אָנגעפילט מיט אַזאַ שטילקייט, וואָס מען טרעפט אין ליידיקער הויכער שול. די גרויסע פענצטער מיט די קלאָרע שויבן האָבן זיך אויך צוגעהערט צו דער שטילקייט. דער זוניקער דרויסן איז געשטאַנען הינטער די פענצטער און אַרײַנגע-שמייכלט מיט נײַגיריקייט. —

דערנאָך האָט דער זקן אָנגעהויבן רעדן און ס'איז געווען אַנטפּלעקונג: ביז אַהער איז מיר נישט אײַנגעפאַלן, אַז ס'איז פאַראַן אויף דער וועלט אַ מענטש, וואָס זאָל אַזוי קאָנען רעדן און דערציילן. וואָס זאָל קאָנען מיט אַזעלכע אײַנפאַכע ווערטער אַזוי קינסטלעריש געבן קלאָרע בילדער. דאָס געשפּרעך איז געווען אַ מין אימפּראָוויזאַציע. יעדעס בילד, וואָס דער זקן האָט געמאָלן, רעדנדיק און זשעסטיקולירנדיק, איז אַרויסגעקומען אַזוי שאַרף, אַזוי שנײַדנדיק-בולט, אַז איך האָב עס געזען מיט די אויגן. מען האָט

בעקאַנט מייגען: נישט ער רעדט דאָס סתם, נאָר לייענט עס אַרויס פון אַ קינסטלעריש בוך.

דער זקן איז געווען דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור, מענדעלע מוכר ספרים. און געווען איז דאָס אין יאָר 1914, ווען איך האָב אים צום ערשטן מאָל באַזוכט שטענדיק קיין אָדעס.

פון דעמאָלט אָן בין איך געווען אַן אָפטער איינגייער באַם זיידן. איך האָב אים באַזוכט אין די טעג פון שבת און יום־טוב, אין שטאָט און אויף דער דאַטשע. פאַר דער צייט האָב איך פון אים אַ סך געהערט. אַ סך צוגעזען. און אַ סך איז מיר פאַרבליבן אין זכרון.

וואָרים: מענדעלע מוכר ספרים איז נישט געווען אַ קינסטלער, נאָר דער קינסטלער. נישט בלויז ווען ער האָט געשריבן זיינע ספרים איז ער געווען שריפטשטעלער, נאָר שטענדיק: באַם עסן, באַם שפּאַצירן, באַם טראַכטן, איבערהויפּט בעתן שמועסן. באַ יעדער זאַך, וואָס ער האָט געטון, איז ער געווען אַנדערש פון אַנדערע און שאַרפער פון אַנדערע. ער איז געווען אַ קינסטלער אין בלוט, אין לייב. אַלץ וואָס ער האָט געזען, האָט ער געזען מיט קינסטלערישע אויגן; אויף אַלץ האָט ער רעאַגירט מיט זיין גרויסער פּערזענלעכקייט.

איך בין זיכער:

ווען עס וואָלט געווען געשען דער נס און אַ געטרייע האַנט וואָלט געווען אויפגעשריבן אַלץ וואָס מענדעלע האָט גערעדט מיט זיין סטיל, מיט זיין כאַראַקטעריסטישן לשון — וואָלטן מיר געהאַט היינט אפשר נאָכאַמאָל אַזוי פיל ביכער וויפיל מיר האָבן פון אים. און — אפשר אַ סך אינטערעסאַנטערע און וויכטיקערע.

שאַרף זענען געווען דעם זקנס חושים: ער האָט אַלץ געזען, אַלץ געהערט און אויף אַלץ רעאַגירט מיט היץ, מיט אימפּעט. נישט געווען קיין איין וויכטיקע דערשיינונג אין דער ליטעראַטור — אין יידיש אָדער העברעיש — אין דער געזעלשאַפט, אויף וועלכע מענדעלע זאָל נישט האָבן זיין אויסגעשפּראָכענע פעסטע מיינונג.

און אויסגעדריקט האָט ער זיין שטעלונג מיט אַ פיינעם שניידע־דיקן משל, אַ מעשה וואונדערלעך דערציילט, אָדער אַ בילד קינסטלעריש געמאָלן מיט אַלע „פּיטשעווקעס“. די בילדער פלעגט ער מאָלן מיט אַזאַ כוח, מיט אַזוי פיל קלאָרקייט און דערביי נאָכגעמאַכט אַלער־ליי העויות, אַז מען פלעגט ממש איבערראַשט ווערן.

אַזוי איז שוין די טבע פון גרויסן קינסטלער און גרויסע פּערזענלעכקייט :

נישט אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן, דערציילט ער אין זיינע ביכער, נאָר אַ טייל פון דעם, און אָפט — נישט דעם גרעסטן טייל. דאָס איבעריקע — גיט ער איבער בעל פּה. ווען ער רעדט — זינגט ער אויס זיין נשמה, בליצט אויס זיינע געדאַנקען, לעבט זיך אויס קינסטלעריש.

און אַזעלכער איז געווען מענדעלע מוכר ספרים.

ווער עס האָט נישט געזען מענדעלען פּנים אל פּנים ; ווער עס האָט נישט פאַרבראַכט מיט אים, נישט געהערט זיינע שמועסן, דער — ווייסט נישט גענוי, וואָס מענדעלע איז געווען. דער קען נישט דעם גאַנצן מענדעלע.

מען קאָן לייענען זיינע ביכער, מען קאָן אפילו שרייבן וועגן זיי מיט די האַלב־אינטעליגענטישע אויסגעדראָשענע מליצות, וואָס ליגן שוין ווי גאַנצע בערג „סעטשקע“ אין אונזער ליטעראַטור : סטיל, קלאַסיש, עכטקייט, אָרימקייט, וועג־אָנהייבער און נאָך אַזעל־כע ווערטער, וואָס עס באַנוצן די ליטעראַרישע „פּאַכלייט“. אָבער קוים האָבן זיי מענדלען פּערזענלעך נישט געקענט — קענען זיי אים נישט.

פאַר מיר איז זיכער :

מענדעלע דער לעבעדיקער מענטש, דער חכם, דער שאַרפ־זיניקער, דער געדאַנקענרייכער און טעמפּעראַמענטפולער — ער איז בעווען העכער, גרעסער פון זיינע ספרים.

און מענדעלע האָט ג ע ר ע ד ט מער ווי ער האָט געשריבן. בכלל איז זיין כוח הדבור געווען אַ וואונדערלעכער. אפילו ווען ער איז געלעגן קראַנק צו בעט. ווען דער גאַנצער גוף זיינער האָט זיך שוין נישט געקאָנט באַוועגן, געווען פּאַראַליזירט — האָט די קראַנק־

הייט נישט שולט געווען אין לשון. ווי אַן אָדלער מיט צעבראָכענע פליגל איז ער געלעגן און גערעדט.

אין יאָר 1916, האָב איך געהאַט די זכיה צו זיצן בײַ זיין שרייב־טיש און פאַרשרייבן דאָס, וואָס ער האָט מיר דיקטירט. איך האָב דעמאָלט פאַרבראַכט מיטן זיידן לאַנגע שעהן און געהערט אַ סך פון זיינע שמועסן. פון זיינע מיינונגען איבער פאַרשידענע זאַכן. איך האָב אים געהערט רעדן ווען ער איז געווען אין כעס און ווען ער איז געווען פריילעך ווי אַ קינד. ווען ער איז געווען טרויעריק און ווען ער איז געווען שטיפעריש. און — ווי ווייט עס דינט מיר מיין זכרון, וועל איך פרווון דאָס איבערגעבן מיט זיין לשון.

זאָל דאָס זיין אַ קליינער קראַנץ פון זיינע אייגענע גרינע זאַפטיקע בלעטער, וואָס איך וועל ברענגען צום צענטן יאָרצייט, זינט די מענדעלע לעגענדע איז איבערגעריסן געוואָרן.

א.

„טשטאָ וואַם נוזשנאָ“

ציוניזים — יאָ. אָבער ציוניסטן? — לאָ. דאָס האָט דער זיידע מענדעלע מוכר ספרים נישט געקאָנט פאַרליידן. אים איז געווען שטאַרק דערווידער פון די ציונים. בפרט פון די אָדעסער. פאַר אים איז ארץ ישראל געווען אַ לאַנד, וואָס ווערט דערמאָנט אין תנ״ך. אַ לאַנד, פון וועלכן ער האָט געלערנט אין זיין קינדהייט. און ער האָט עס זייער ליב געהאַט. אָבער די ציוניסטן? — ער וויל זיי נישט קענען.

געשטאַמט האָט עס דערפון, וואָס אָדעסער ציונים זענען געווען אַ „בריה בפני עצמה“, אַ ספּעציעלער מין, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. אָדעסער ציונים מיט ה׳ אוסישקין בראש זענען געווען דם-שונאים פון יידישן לשון, פון יידישער ליטעראַטור און יידישער קולטור. דאָרט איז עס באַשאַפן געוואָרן די „שיטה“:

„עברית או רוסית“

זאָל זיין רוסיש אַבי נישט קיין יידיש. פאַרשטייט זיך, אַז גערעדט האָט מען אויסשליסלעך ר ו ס י ש, געטראַכט ר ו ס י ש. און געפירט די קולטורעלע טעטיקייט אויף ר ו ס י ש. און מענדעלע מוכר ספרים. דער שאַפער פון נייעם יידיש האָט שטאַרק מלחמה געהאַלטן קעגן אזא שיטה, וואָס פירט צו רוסיש. און אפשר

האָט דער זיידע נישט אויפגענומען דעם פּאָליטישן ציוניזם בכלל?

סיי ווי סיי: אוסישקין האָט חושד געווען מענדעלען, אַז ער איז אַ שונא פון ציון. דעם זיידן איז אפילו אויסגעקומען אויסצו־שטיין געווויסע אומאַנגענעמלעכקייטן דעריבער... דער זיידע אָבער האָט געלאַכט מיט סאַרקאַסטישן שמייכל און גע־זאָגט:

„אַזוי? אוסישקין זאָגט, אַז איך האָב פיינט ציון, היתכן? ווי קאָן עס גאָר געמאָלט זיין אַזאַ זאַך? ווי קאָן עס אַזאַ ייד ווי מענדעלע פיינט האָבן ציון? אַז איך זאָג דאָך דריי מאָל אין טאָג אין דער שמונה עשרה: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב" — נאָר — ואוסישקין (יתשכון) בתוכה — פע! דאָס בין איך נישט גורס. ציון איז זיך טאַקע אַ גאַנץ פיינע זאַך און איך האָב ציון ליב ווי דאָס לעבן. אָבער אוסישקין? ווייס איך וואָס!"

און פאַרביסן זיינע ליפּן מיט שטילן כעס.

איז עס געווען איינמאָל אין אַ ווינטערדיקן שבת באַטאָג. אין דרויסן איז זיך פּאַמעלעך געפאַלן אַ שניי. אַלע ווײַלע האָט דער ווינט אַ בלאָז געטון און צוגעטריבן די ווייסע פליטערלעך צום פענצטער. האָט עס אויסגעזען, ווי גאַנצע מחנות ווייסע זומער־פייגעלעך שלאָגן זיך אָן די שויבן. אַ קילקייט האָט זיך אַרומגע־יאָגט אין גרויסן הויכן קאַבינעט. דער זקן איז געוואָרן אַ ביסל אומעטיק: ער האָט זיך פאַרבענקט נאָך זומער: נאָך זון און גרין פעלד, זומער־פייגעלעך און בלומען, וואָס ער האָט שטענדיק ליידנ־שאַפטלעך ליב געהאַט.

רופט ער זיך אָן נאָך אַ ווײַלע שווייגן:

— ווייסט איר וואָס איך טראַכט איצט? נו, אדרבה: זייט אַ בריה און טרעפט, וואָס אַ שטייגער אַ מענדעלע קאָן טראַכטן אין אַ שבת באַטאָג, ווען עס איז ווינטער און אין דרויסן פאַלט אַ שניי, און די רשעים אויף יענע וועלט כאַפּן אַ ציטער און טראַכטן זיך: זאָל שוין ווערן נאַכט און לאָמיר שוין צוריקגיין אין גיהנום, ווו עס איז וואַרעם מחיה נפשות? אַ? וועט איר דאָך מסתם נישט טרעפן. טאָ וועל איך אייך זאָגן: איך טראַכט איצט, אַז עס וואָלט

באַר געווען אַ יושר איך זאָל אויפקאָרן און זיך באַזעצן אין אַ וואַרעם לאַנד... דאָרט ווו עס איז שטענדיק זומער. ווו עס גרינען די פעלדער אין חודש שבט און דער סאָלאָווײ זינגט שבחים צום בורא עולם... איך טראַכט; עס וואָלט גאָרנישט געווען קרום ווען מענדעלע באַזעצט זיך אין אַ קאָלאָניע אין פּאַלעסטינע.

צעשמייכל איך זיך:

— און אוסישקין וואָס וועט צו דעם זאָגן?

— האַ? איר זענט אפשר גערעכט; אַ קשיא אויף אים! האָט דער אוסישקין קאָן מיר טאַקע שטעלן די שאלה: ווי קומסטו אַהער? אַ? אויף אים איז אַלץ צו גלייבן.

דער ויידע איז געבליבן אַ ווײַלע שטיל. געזעסן מיט פאַרפרעסטע ליפּן און אַ סאַטיריש שמייכעלע שפּילט זיך אויף זיי ווי אַ טראָפּן זון. קוקט ער אַזוי צום פענצטער. דערנאָך שפּאַרט ער אָן דעם שטאָלצן קאָפּ אויף דער רעכטער האַנט און ער נעמט דערציילן:

„געווען איז עס נאָך אין באַרדיטשעוו. אין דעם גרעסטן כּרך, ווו איך בין געזעסן און געזאָרגט פאַר דער וועלט. איז עס געווען איינמאָל אין אַ זומערדיקן באַטאָג, אַזוי פאַרנאַכט-צו-צו. עס איז געווען שטאַרק פאַרנע, הייס, שטיקנד, ווי גאָט האָט געבאָטן, און אונזערע ליבהאַרציקע יידעלעך זענען זיך געזעסן באַ די וועטשערעס און געשוויצט כּדת משה וישראל. איר קאָנט דאָך אונזערע יהודימלעך: שוויצן איז באַ זיי דער גרעסטער תענוג. מילא, שוויצן זייבאַר מיר גלוסט זיך דווקא אַרויסצוגיין אַ ביסל שפּאַצירן. אַזאַ טבע האָט דאָך שוין מיין מענדעלע: ער מוז דאָך טון פּונקט פאַרקערט ווי אַלע טוען. אַז אַלע זיצן און שוויצן, מוז ער גיין כאַפּן לופט. סיי ווי סיי, איך טו מיר אָן דאָס „פּידזשאַקל", מיט דעם שטרויענעם קאַפּעליוש, נעם באַ מיין פּעסעניו (מענדעלעס פּרוי) אַ פּאָר גראָשן קליינגעלט אויף צו צעטיילן אין גאַס די זלידנע בייזע פליגן — די עוברים ושבים, די אָרימעלייט, וואָס מאָנען-איין גאַנס וועקסל — די מצווה פון צדקה, און איך גיי מיר אַרויס אין גאַס.

שפּאַציר איך מיר אַזוי און האַלט גרייט די פּאָר גראָשן צו צעטיילן, און טראַכט מיר אַזוי פון גאָטס וועלט און פון אונזערע

יידעלעך, ביז איך קום אַרויס אויף דער „גלוווּנער״ גאַס. דערזע איך: עס קומט מיר אַנטקעגן אַ ייד. ער גייט. און נישט ער גייט, נאָר ער לויפט. און נישט ער לויפט, נאָר ער פליט און מאַכט מיט די הענט און מורקעט און בייזערט זיך און גלייך אויף מיר. קוק איך מיך גוט צו — עפּעס אַ באַקאַנט פּאַרשוינדל. בלייב איך שטיין און — טאַקע אַ באַקאַנטער: ס׳איז חיים זעליק סלאַנימסקי.

זאָג איך:

— סלאַנימסקי! האַלט איין די הענט דיינע. וועסט מיר נאָך די ברילן אַראָפּוואַרפן און די אויגן אויסדראַפּען!

שטעלט ער זיך יאַקאַש אָפּ:

— אַ! ר׳ מענדעלע! איך האָב איך גאַרנישט דער־קענט.

זאָג איך:

— מילא, יאָ דערקענט, נישט דערקענט. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ לויפן אינמיטן דערינען?

הייבט ער מיר אָן דערציילן און זיינע הענט אַרבעטן מעשים. איך מוז זיך פון אים אָפּרוקן. רוק איך זיך טאַקע אָפּ, נאָר ער דערנענטערט זיך און מאַכט אַלץ מיט די הענט. איך גיי אויף הינטערוויילעכץ און ער גייט נאָך. און מיר טאַנצן ביידע אַ ברוגז־טאַנץ.

בקצור: עפּעס אַ מעשה מיט אַ מוכר ספרים. נישט מיט קיין מוכר ספרים, נאָר מיט אַ מוכר ספרימניצע. קומט אים דאָרט געלט. נאָר די אשה איז דערווייל געבליבן אַן אלמנה. האַלט זי, אַז אירע יתומים זענען בילכער איידער צו צאָלן דעם מאַנס חובות. וויל זי טאַקע נישט באַצאָלן, האָט ער זיך מיט איר געקריגט. וויל ער מיר געבן צו פאַרשטיין ווי ווייט געדרעכט ער איז, די הענט זיינע שרעקן מיך אָבער. זאָג איך צו אים:

— אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָבן דיינע הענט צו דעם גאַנצן עסק?

פרעגט ער:

— וואָס הייסט?

זאָג איך:

— איך האָב מורא פאַר דיינע הענט! הער זשע אויף צו מאַכן מיט זיי. וואָרים: סך הכּל פאַרמאָג איך נאָר איין פּאָר אויגן.

זאָגט ער:

— וואָס זשע? שווייגן זאָל איך? אַזאַ נבלה...

זאָג איך צו אים:

— ווייסטו גאָר וואָס? אָט זענען מיר גאַרנישט ווייט פון מיין שטוב. איז צו וואָס זשע דאַרפסטו מאַכן מיט די הענט אינ־דרויסן? אַ מער קום אַריין צו מיר, וועסטו מאַכן מיט זיי אין שטוב.

איז ער מסכּים און מיר גייען.

ס'רעדט זיך אַזוי גיין. אין אמתן לויפן מיר. איך לויף פון זיינע הענט און ער — ער האַלט נאָך...

גאָט האָט געהאָלפן. מיר זענען אַריין צו מיר אין שטוב און איך האָב פריער אָפּגעאָטעמט:

— נו. איצט קאָנסטו דערציילן און מאַכן מיט די הענט ווי־פיל דיין האַרץ גלוסט, נאָר — אַ ביסל אָפּגערוקט.

נעמט ער אַרומלויפן איבערן זאָל און קאַכט זיך און דער־ציילט אין איין אָטעם. איך — צעעפן די פענצטער, טו מיר אויס דאָס רעקל, בלייב זיך אין די ווייסע אַרבל און זעץ זיך אַוועק אויף דער שלאָפבאַנק. זיץ איך זיך אַזוי און האָב הנאה פון די יידישע תּנועות און איך טראַכט: רבונו של עולם! ס'אַר אַ רירעוודיק פאָלק דיינע יידעלעך זענען! דאַכט זיך וואָס? כ'ווייס, עפּעס אַ באַרישקייט מיט אַ מוכר ספרימניצע, אַן אלמנה, און פונדעסטוועגן, זע ס'אַר אַ היץ, אַ ברען, פלאַם־פייער. „כּל עצמותי".

דערווייל צעגעמט זיך דער פאַרהאַנג, וואָס הענגט בא דער טיר און עס שטעקט זיך אַריין אַ קאָפּ. אַ? איך ווער שטאַרק אי־בערראַשט. ס'איז אַ פּנים פון אַ יידענע. און נישט סתּם אַ פּנים, נאָר אַ הדרת פּנים. קוקט דאָס פּנים גלייך צו מיר און שמייכלט. שטעל איך זיך שוין אויף און פרעג:

— „טשטאָ וואַם נוזשנאָ ?"

שמייכלט זי, די יידענע, און ענטפערט נישט.

מיין סלאָנימסקי איז אויך געבליבן שטיין פאַרחידושט. האָט דערוויל פאַרגעסן זיין מוכר ספרימניצע.

און דאָ זיץ איך אין די ווייסע אַרבל. עפעס פאַסט נישט. זי איז דאָך עפעס אַ דאמע... און זי שווייגט. געהערט אַ מעשה? זי ענטפערט אפילו נישט. פאַרדריסט עס מיך שוין. און אַ ביסל מטושטש ווער איך אויך. הייב איך אָן אַריינ־רוקן איין האַנט אין אַרבל פון רעקל און פרעג נאָכאַמאָל, און שוין מיט כעס:

— „טשטאָ וואַם נוזשנאָ" ?

די וואַנט ענטפערט? אַזוי ענטפערט זי. זי שמייכלט, איז אַ ביסל פאַרדרויטלט און שווייגט.

געהערט אַ חוצפה? אַ פרעמדע יידענע קומט אַריין צו מיר אין שטוב אומגעבעטן און גאַרנישט. ענטפערט אפילו נישט. און וואָס איז דאָס פאַר אַ שמייכלען אויף איר? אַ גדולה אויף איר באָבען? און איך ווער שוין גאַר בייז ווי מענדעלע קאָן. דאָס רעקל האָב איך שוין דערוויל אָנגעטון. גיב איך זיך אַ שטעל־אַוועק. גיב שוין אַ טופע מיט אַ פוס און שוין מיטן אמתן געשריי:

— „טשטאָ וואַם נוזשנאָ" ?

ווערט די יידענע אַ ביסל צעשראָקן. נאָר באַלד צעשמייכלט זי זיך ווידער:

— ווייס איך? אַז איך האָב די זכיה צו האָבן אַזאַ חשובן גאַסט בּאַ מיר אין שטוב, איז עס מיר אוודאי ניחא... אלמאי זאָל איך לייקענען? ס'איז פאַר מיר אַ גרויסער כבוד, אַז ר' מענדעלע איז באַ מיר אין שטוב.

— אַ? וואָס? טפו! צו מיינע שונאימס קעפּ!

לאָזט זיך אויס: אָנשטאָט איך זאָל גיין רעכטס צו מיר אין דירה בין איך געגאַנגען לינקס און פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער דירה. ס'זעט אויס פונקט ווי באַ מיר. דאָס מעבל — אויך דאָס זעלבע. די זעלבע שלאָפבאַנק, דער טיש, די פאָר שטולן.

איך בין געבליבן שטיין ווי א לעקיש. נישט טויט נישט־לעבעדיק. און סלאָנימסקי האָט אָרויסגעשאָסן מיט א געלעכטער און איך האָב געמיינט, איך גיי אויס פון בושה: געהערט א העזה און א חוצפה? איך בין אַריין אין א פרעמדער שטוב, נאָך מיט געבראַכט מיינס א פריינט, האָב מיך דאָרט צעלייגט ווי באַם טאַטן אין ווייַנגאָרטן און שריי נאָך צו דער באַלעבאָסטע:

„טשטאָ וואַם נוזשנאָ"?

איך האָב זיך אַליין געוואָלט מכבד זיין מיט צוויי גרויסע פייערדיקע פעטש...

— — — — — — — — — — — — — —

דער זקן האָט די מעשה דערציילט אַזוי לעבעדיק. ער האָט עס דערציילט מיט מימיק, מיט די אַלע באַוועגונגען, אַז איך האָב די סצענע געזען פאַר די אויגן. געזען די יידענע, געזען סלאָנימסקין און געמיינט: ער דערציילט א מעשה שהיה, נאָר דאָ האָט דער אַלטער אויסגעלאָזט מיט א שמייכל:

— איצט פאַרשטייט איר? אוסישקין האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין ציון. ממש צו מיר אין שטוב אַריין. האָט זיך דאָרט צעלייגט ווי באַ זיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן, זיצט ער דאָרט מעשה באַלעבאָס ווי באַ זיך אין דער היים. זיצט אין די ווייסע אַרבל און שרייבט נאָך צו מיר:

„טשטאָ וואַם נוזשנאָ?"

ווי געפעלט אייך אַזאַ חוצפה?

און דער אַלטער האָט זיך צעלאַכט מיט זיין דין קלינגענדיק געלעכטערל, וואָס האָט ווי א זילבערן גלעקל אָפּגעהילכט איבערן גרויסן, הויכן קאַבינעט...

ב.

הערעיש און העברעיסטן

ס׳איז געווען אַ שבתדיקער פרימאָרגן. די זון איז אַרויס פון איר פוטערפאַס. פרישע שמעקעדיקע ווינטלעך האָבן געבלאָזן מחיה־דיק. דער זומער איז שוין געווען אינגאַנצן צעבליט. די ביימער — צעוואַקסן. די גראָזן זאַפטיק און בלימלעך האָבן געוווּנקען פון אויסמעטום. און ווי מענדעלע וואָלט זיך אויסגעדריקט: „די גאַנצע הערלעכע נאַטור איז געווען אויסגעפוצט יום־טובדיק און געזונגען שירה״. און איך מיט מיינס אַ חבר — אַ יידישן זשורנאַליסט, זענען אַוועק צום ייִדן אויף דער דאַטשע. געוווינט האָט ער דעמאָלט אויף דער זעכצענטער סטאַנציע פון „גרויסן פאָנטאַן״. באַם ים.

איך האָב געוווּסט: אין אַזאַ זוניקן ליכטיקן מאָרגן, שיינט דער זקן פון פרייד און גל ק. ער אַליין, פונקט ווי די נאַטור, איז צעבליט, אַלע אברים אין אים זינגען. איז שאַרף, אויפגעלייגט און איז גרייט צו זאָגן חידושים.

אַז מיר זענען אָנגעקומען אויף דער דאַטשע, האָבן מיר אים נישט געטראָפן צווישן די ביימער. משמעות: ער האָט אַ גאַסט אין שטוב. ווען נישט — וואָלט ער אין שטוב נישט געזעסן. אויף אַ באַנק איז געזעסן די „באָבע״ זי איז געווען אָנגעטון אין איר שבתדיקן שוואַרץ־זיידענעם קאַפּטל, וואָס זי האָט געהאַט אפשר פון

דער חתונה־אָן און האָט דאָך אויסגעזען ... זי האָט אונז גלייך אָנגעוויזן מיט אַ פינגער צו דער שטוב.

— עמעצער דאָ דאָרט?

זי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

דער זיידע איז געזעסן בײַ זיין שרייב־טיש, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט גרינעם געוואַנט. אויפן טיש — ווי דער שטייגער איז געווען: דער „הערוך" זיין רעכטע האַנט; דער משניות — זיין נאָענטער פריינט, און דער תנ"ך, מיט וועמען ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט.

די פענצטער זענען געשטאַנען אָפן. ריינע בלעטער האָבן אין זיי געשאָרכט. די זון האָט אויף זיי געשפילט מיט גאָלדענע פלעקן. אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן פירעקעכדיקע שטיקער זון מיט שאָטנדיקע בלעטלעך. דער זיידע האָט געשיינט. דער זילבער־קאָפּ איז געווען פריש צוגעקעמט און די אויגן — ליכטיקע. ער איז געווען אָנגעטון אין זיין שבתדיקן סורטוק מיט די קליינע שמאָלע לאַצן און שמאָלן קעלנערל אַרומגעליאַמעוועט מיט טאַשמעס. ווער ווייסט ווי אַלט דער סורטוק איז שוין געווען, אָבער ער האָט נאָך אויסגעזען פריש. לעבן זיידן איז געזעסן פרישמאַן. ער האָט געהאַלטן אָפן זיין אייגענעם בוך און פאָרגעלייענט פאַרן אַלטן זיינס אַ געדרוקט אַרטיקל. געוואָלט באַווייזן, אַז ביאַליק איז נישט קיין נביא, נאָר בלויז אַ דיכטער. (פרישמאַנס אַ באַקאַנט אַרטיקל וועגן ביאַליקן.) דער זיידע איז געזעסן אויסגעשטרעקט; מיט איין האַנט אונטערגעשפאַרט דעם קאָפּ און אויסגעהערט מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט קלוג געפינקלט פון זיינע ליפּן.

ווען מיר זענען אַריין, האָט פרישמאַן פאַרמאַכט דאָס בוך, זאָגנדיק: „און זאָ ווייטער". און גענומען רעדן אַזוי ווי ער וואָלט פאָרטגעזעצט זיין פריערדיק געשפּרעך. ער האָט גערעדט אַ ביסל דייטשמעריש, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— אָבער יאַ, וויסן זי, ס'איז דאָך אַ שרעקלעכע זאַך. מען שרייבט דאָך היינט גאָר קיין העברעיש נישט. מען פּלאַפּלט דאָך גאַנץ איינפאַך... און אַלץ איז הפקר. עס קומען היינט אַזעלכע יונגאַטשעס און האָבן מיינונגען וועגן ליטעראַטור... אַליין זענען

די לייט ליטעראַרישע סריסים, חיסן זי, און בלאָזן זיך ווי די עכטע מבינים. וואָס פאַרשטייען זיי דידאָזיקע „פּאַכלייט“ מיט זייער זאָגעכץ ? זיי כאַפּן אויף יעדע נאַרישקייט און צעליינן עס אויף טעלערלעך... מען כאַפּט מענטשן בא די פּאָלעס און מען מאַכט פון זיי נביאים איבערגעוואַלט... כאַטש יענע ווייסן נישט פון וואָס צו זאָגן... און אָט דידאָזיקע לייט, ווי הייסן זיי דאָרט — „קריטיקער“, מיינען שוין באַלד אַליין, אַז זיי ווייסן וואָס זיי רעדן... אָבער אום גאָטס ווילן, וואָס קערן זיך אָן אָט די ליטעראַרישע סאַרוועדט מיט ליטעראַטור ? וואָס פאַרשטייען די חברהלייט אין קונסט ? זיי ווייסן דאָך אפילו נישט, וואָס עס איז אַזוינס נביא ?

אַזוי האָט געטענהט דוד פרישמאַן און זיך געבייזערט אויף די קריטיקער. האָט געוואָלט באַווייזן, אַז ביאַליק איז נישט קיין נביא, אַז ער איז פּשוט אַ דיכטער... דער זיידע האָט אַלץ אַזוי געשוויגן, האָט אַלץ אַזוי געשמייכלט מיט זיינע קלוגע אויגן. עס האָט געהייסן :

— רעד, רעד... נישקשה, מענדעלען וועסטו נישט פאַררעדן... ער ווייסט אַליין גאַנץ גוט, וואָס ווער עס איז...

און פרישמאַן רעדט ווייטער :

— אָט דידאָזיקע ליטעראַרישע מעקלערס, וויסן זי... זיי אילן דאָך רעגירן מיט דער ליטעראַטור. פּונקט ווי די בטלנים די מלמדים, וואָס האָבן זיך געכאַפּט חובבין העברעיש און געוואָרן די באַלעבאַטים איבער העברעיש. אַ מערקווירדיקע זאַך מיט אָט די בטלנים : אַליין קאָנען זיי נישט איבערדרייען מיט דער צונג. און זיי ווילן אונז לערנען דרך-ארץ : זיי זענען עס די עכטע העברעער און מיר — מיר זענען די מחלל הקודשניקעס...

צעשמייכלט זיך דער זיידע און זאָגט מיט הלצה :

— וואָס דען האָט איר געמיינט ? אַז מיר קענען העברעיש ? חייס איך וואָס ? ! וואָס מ׳שטייגס געזאָגט בין איך מיט אייך, מיט אונזערע אַלע קענען איין צוציקל, אַ חובבל, וואָס האָט ליב ? וואָס לויפט אַרום ווי אַ צעדולטער איבער די ציוניסטישע געמאַרקן און שרייט אַ ה ב ת י ? אָט די חובבדיקע יונגעלייטלעך — די קענען

העברעיש! רעדן זיי, מרוקען זיי, מאַכן זיי מיט די הענט און מען חובבט! און נישט אַזוי דאָס מאַכן מיט די הענט, ווי די פּנימלעך זייערע! פרומע, גאַטספּאַרכטיקע, מיט שמן־זית אויסגעשמירטע. און די אהבה ברענט אין די כשרע אייגעלעך, זיי ראַטעווען די העב־רעיִשע שפראַכע. זענען זיי טאַקע מלא־חן, אַז עס פאַרגייט אַזש אין דער נאָז... אָבער איך מיט אייך? וואָס זענען מיר וואָס? מיר רעדן דאָך ווי מענטשן אויף יידיש; וואָס זשע פאַר אַ העב־רעער זענען מיר? און אדרבה: זייט אַ בריה, שאַרפט דעם מוח, אַרבעט אויף אַלע כלים און שרייבט מיר אַזאַ העברעיִש, ווי עס רעדן דידאַזיקע אהבה־פאַרברענטע יונגעלייטלעך? אַ פּייג וועט איר קאָנען! און חייסט איר וואָס מיר איז איינגעפאַלן? אָט וואָס! איך האָב בדעה אָנצושרייבן אַן אַנאָנס אין די „גאַזעטן", און שרייבן וועל איך בזה הלשון:

„איך, החותם מטה, שוין נישט קיין יונגערמאַן — פון אמת קאָן מען נישט אַוועקגיין — קוק שוין אויף אַ בריל, נאָר אַ קאָפּ האָב איך גאָרנישט קיין שלעכטן. אַז מען גיט מיר צו פאַרשטיין עפעס אַן ענין, בין איך נאָך משיג — זוך איך איינעם אַ גרויסן ייד, אַזעלכן, וואָס זאָל מיך אויסלערנען די קונץ פון ארץ ישראל־דיקן העברעיש".

און אונטערשרייבן וועל איך מיך

„מענדעלע מוכר ספרים".

און איך פאַרזיכער אייך: עס וועט קומען עפעס אַ יונגערמאַן, אַ חובבניק, און וועט זיין גרייט מיך מזכה צו זיין און מיך אָננעמען פאַר אַ תלמיד..

שמייכלען מיר. שמייכלט פרישמאַן אויך. און דער זיידע ווענדט זיך צו אים:

— אויב איר ווילט, קאָנט איר צושטיין פאַר אַ שותף. ס'שאַדט נישט. דער חובבניק וועט זיך אונטערנעמען און וועט אונז ביידן אויסלערנען.

דער זיידע אָבער שמייכלט נישט. עפעס נישט דאָס האָט ער געמיינט. שטאַרקער, טיפער האָט ער געוואָלט זאָגן.

פּלוצלינג גיט זיך דער זיידע אַ שטעל־אויף, זיין פנים איז

געוואָרן שטאַרק ערנסט, אַ ביסל בלייכער, צעטומלט. די אויגן צע־שראָקן. גיט ער אַ כאַפּ־אַרום פרישמאַנס קאָפּ מיט בײדע הענט אַזוי, אַז פרישמאַן האָט זיך טאַקע אויף אַן אמת דערשראָקן. דריקט דער זײדע פרישמאַנס קאָפּ צו זײַן ברוסט. דריקט פעסט און נעמט שרײַען אין אײן אָטעם:

— טשעפּעט נישט! לאָזט אים אָפּ! גײט אַוועק! איך װעל נישט לאָזן! איר זאָלט נישט װאַגן! אַוועק! ער איז מײַן! אַוועק! טשעפּעט נישט!

מײַן חבר, דע־ זשורנאַליסט, קוקט מיט װוּנדער:

— װער טשעפּעט אים דען?

דער זײדע האָט אױסגעשאָסן מיט זײַן דין פריש געלעכטערל און אָפּגעלאָזט פרישמאַנס קאָפּ:

— דאָס פרעג איך דאָך טאַקע? פאַרשטײט איר מיך: גע־קומען אַ חברה לײדאַקעס, װאָס האָבן קײנמאָל נישט געפּאַקט און נישט געמאָזלט פאַר העברעיש װי מיר, האָבן זײ אַרומגעכאַפּט דעם העברעיש, קוועטשן אים, דריקן אים מיט אַלע כּחות, װאָרים: װאָס־װאָס, קוועטשן קאָנען זײ די לײדאַקעס.. שטעלן זײ אָן צעשראָ־קענע יראת־שמים־פּנימלעך, שטײען מיט אַרויסגעזוזצטע אויגן און בעוואַלדעװען איבער אַלע גאַסן:

— טשעפּעט נישט! בלוט װעט זיך גיסן! איר זאָלט נישט װאַגן! ער איז מײַן! איך װעל נישט לאָזן!

און נישט בלויז שרײַען זײ, נאָר זײ גיסן דערבײַ בוך־טרערן, װי בערדיטשעװער ײדענעס יום־כּיפּור צו נעילה. און אויף װעמען מײנט איר שרײַען זײ? אויף מיר! אויף פרישמאַנען! און איך שטײ, צי מיט די אַקסלען און װײס נישט, װאָס דאָ קומט פאָר: רבונו של עולם! װער טשעפּעט אים דען? און אַז מיר ברעכן נישט די צונגען, איז װאָס? אַ מענטש דאַרף רעדן און נישט ברעכן די צײן... אָבער טשעפּען? װער? װאָס?

מיר האָבן זיך צעלאַכט. באַזונדערס האָט פרישמאַן געלאַכט פון דעם אײנפאַל: ער האָט זיך בשעת מעשה װירקלעך געהאַט דערשראָקן. דערצו נאָך האָט דער זײדע טאַקע צוגעדריקט זײַן קאָפּ ביז װײטיק.

און דער זיידע רעדט ווייטער:

— אגב, דערמאַנט עס מיך די מעשה מיט ר׳ אברהמעלעס פעלץ... און פאַסירט האָט די מעשה טאַקע מיט מיר אַליין און טאַקע אין מיין עיר הבירה — אין ק״ק בערדיטשעוו.

צונויפגעקומען איז מען זיך אויף אַן אסיפה. זענען געקומען די חכמים און די נבונים. די וואַזשנע באַלעבאַטים, די גבירים, פרומע לייט, אנשי צדק און גלאַט שיינע יידן. ס׳איז געווען אַן ענין וועגן מעות-חטים. ס׳איז געווען ווינטער, פורים-צייט, און אין שטאָט איז פאַראַן אַ האַפּטע קבצנים, אביונים, אָרימעלייט און גלאַט יורדים, מיט וועלכע דאָס פאָלק ישראל איז רייך און גרויס, און באַרימט אין אַלע צייטן. און עס גייט צו פסח. און די, וואָס דאַרפן אויף פסח, זענען דאָ די והותר. איז עס דאָך אַ פשוטער שכל: אַזוי ווי אין שטאָט איז אַ גרויסע בלאָטע, און פינצטער איז, און גלי־טשיק איז, און גלאַט מרה שחורהדיק איז אויך, און די גבירים זענען ב״ה זאַט און אָנגעוואַרעמט, און באַשיכט און באַקליידט; און צייט האָט מען, איז דאָך מן הדין, מען זאָל זיך צונויפקומען אויף אַן אסיפה און זיך פאַרווײלן מיט טראַכטן פאַר די אביונים.

מילא, איז מען זיך צונויפגעקימען. און איך הקטן מענדעלע, כאָטש איך בין אַ קנאַפּער גביר און נאָך אַ קנאַפּערער בעל־דעה — אָבער פאַר אַ שטיקל קאָכלעפל האָט מען מיך געהאַלטן — בין איך אויך געקומען צו דער אסיפה. איינמאָל — אפשר קאָן איך זיך אָנרופן מיט אַ גוט וואָרט, אַן עצה, אָדער גלאַט אַ קלוגן איינפאַל. שנית ווידער — בין איך דאָך דער בעל־מליצה און קאָן גאָר געבן אַ שרייב אריין אין די „גאַזעטן“, אַז פלוני בן פלוני, דער גרויסער גביר, דער גרייליכער חכם, דער וואַזשנער מענטש און שאַרפער קאָפּ, דער בערג-אויסרייסער („עוקר הרים“) און שטאָט-פאַרזאָרגער, האָט געזאָגט אַזוי און אַזוי און האָט שטאַרק געזאָרגט און זאָרגט און איז עוסק אין טובת הכלל. דריטנס — לאָמיך טאַקע הערן ווי קלוגע מענטשן רעדן. בקצור: מען איז זיך צונויפגעקומען אויף דער אסיפה און מען האָט גערעדט. ס׳הייסט גערעדט האָט די גאַנצע צייט דער שטאָט-גביר מיט די קליינע

פייזנאַייגעלעך און די איבעריקע האָבן געהערט און צאַנעטאַ-קעוועט.

ריעדט ער, אונזער גביר. און אַ פּה קדוש האָט עס — פערל שיטן זיך. זאָגט אַזעלכע גרויסע חכמות און אַזעלכע קלוגע שאַרפע רייד, אַז מען האָט געקאָנט דערביי איינשלאָפן און כראָפּען מיט גרויס פאַרגעניגן ווי נאָך אַ באָד. נאָר ווי דער מנהג איז, איז מען נישט איינגעשלאָפן, נאָר מען הערט זיך צו, און מען לאַכט צו און מען וווּנדערט זיך גאָר שטאַרק: אָ-וואָ! איר הערט? אָט דאָס הייסט געזאָגט! פּש-ש-ש!

אַזוי האָט עס געדויערט ביז דער גביר האָט שוין בעהאָט אָפּגערעדט, אויסגעשאָטן אַלע זיינע נאַרישקייטן, איז שוין מער נישט געווען וואָס צו טון. האָט מען טאַקע באַלד פאַרענדיקט די אסיפה און ס'איז געבליבן: נישקשה. מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און ער וועט נישט פאַרלאָזן, ער איז אַ זן ומפרנס, אַן אבי יתומים וכ"ו. מען האָט, הייסט עס, געמאַכט אַ שעבוד דרבי-נתן צום רבונו של עולם, ער וועט שוין זאָרגן פאַר זיינע קבצנים און אביונים. בפרט נאָך, אַז דער שטאָט-גביר האָט צו דעם מסכים געווען, איז עס דאָך שוין קוראַנט ווי אין קעשענע. אגב: וועלן אַ פּאָר באַ-לעבאַטים אַרומגיין מיט אַ פּאַטשיילע און וועלן צונויפנעמען חיפיל איינער וועט געבן.

הייבט מען זיך אָן צו צעגיין. נעמט מען זיך אָנטון די וואַ-רעמע פעלצן. די ברייטע פוטערס מיט די ברייטע קעלנער. און דער שטאָט-גביר בלייבט פון די לעצטע. ער זיצט נאָך דערווייל און קרעכצט זיך אונטער, גלאָט אַזוי פאַר תענוג וועגן... דער-נאָך שטייט ער זיך געלאַסן אויף מיט אַ זיפצל, גייט זיך אַריין אין קאָרידאָר. וויל אָנטון זיין פעלץ. איצט — וווּ איז דער פעלץ? נישטאָ דער פעלץ!

— ווער האָט גענומען ר' אברהמעלעס פעלץ? ווו איז ר' אברהמעלעס פעלץ? — נישטאָ! וואָס הייסט דאָס, וואָס? קיין גנבים זענען דאָך דאָ נישט געווען? מען זוכט, מען גישטערט, נישטאָ! ווי אין וואַסער אַריין! אויפן הענגער איז געבליבן עפּעס אַ מאָגער פוטערל מיט אַ שמאָל קעלנערל. משמעות, עמעצער האָט

זיך פאַרביטן, ווער זשע האָט עס געקאָנט אָפּטון אַזאַ זאַך, ווער? וואָס א שייגאָץ קאָן!

און מענדעלען קענט איר דאָך! ער האָט דאָך אַ טבע, אַז אַלץ פאַרדריסט אים; אַלע קריוודעס מוז ער זיך אָננעמען. אמת טאַקע, ס'איז דעם גבירס פעלץ. אָבער פאַרדריסן פאַרדריסט עס אים. ווערט ער טאַקע באַלד אויפגעבראַכט און גייט אַרויס פון די כלים און מאַכט אַ געוואַלט:

— אַ העזה און אַ חוצפּה! וואָס הייסט דאָס, וואָס? נעמען און פאַרבייטן זיך מיט יענעמס פעלץ? פאַרבייטן? ווי קאָן מען רעדן פון פאַרבייטן אַזאַ מאָגער פוטערל אויף אַזאַ וואַשנעם פעלץ? עס איז דאָך פשוט מדעת... גנבה! וואָרים ווי קאָן מען נעמען אַזאַ פעלץ און פאַרבייטן אויף אַזאַ-אַ...

איך האָב דערוויל אָנגענומען מיט דער האַנט דאָס פוטערל, וואָס איז געהאָנגען אויפן הענגער און אַ?... כ'קוק מיך צו נעענטער — עפּעס קענטלעך... איך גיב אַ קוק אויף זיך — הענט און פיס האָבן מיר גענומען ציטערן... צו מיינע שונאימס קעפּ! דאָס בין איך דאָך, הייסט עס, דער חוצפּהניק, דער גנב, דער בעל העזהניק! כ'האָב אַזש גענומען ציטער'ן פון ווייטיק און בושה.

דער זיידע האָט עס דערציילט מיט אַזוי פיל מימיק און טעמפּעראַמענט, נאָכמאַכנדיק אַלע תנועות און העויות, אַז מיר האָבן בעזען אי דעם גביר מיט די מיינאַייגעלעך, אי מענדעלען ווי ער איז פאַרשעמט און צעטומלט.

דער זיידע האָט זיך געזעצט:

— מילא, איך, איך האָב פשוט נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר און איך האָב זיך פאַרשעמט. די ליידאַקעס, אָבער, שרייען אויף יענעם, זידלען יענעם און קוקן זיך גאָרנישט אום, און זעען גאָרנישט, אַז דאָס מאַכן זיי אַ תל פון העברעיש און שעמען זיך אפילו נישט.

דער זיידע איז מיטאַמאָל בייז געוואָרן:

— וואָס ווילן זיי די „העברעיסטן"? הלוואי איך זאָל ליגנט זאָגן. נאָר איך האָב מורא, אַז זיי וועלן אַזוי לאַנג שרייען און

קוועטשן דעם העברעיש, ביז זיי וועלן אים חס ושלום דערשטיקן. ער איז אין גרויס געפאַר, אונזער ליבער העברעיש... זיי וועלן אים אַזוי לאַנג חובבן, ביז זיי וועלן אין אים קיין לעבעדיק אבר נישט לאָזן... א והא ראיה: פאַר אַ קאַליקע האָבן זיי אים שוין געמאַכט. איר האָט דאָך מסתם געלייענט ווי חברה ליידאַקעס שרייבן עפּעס אַ מין טערקיש רחמנה ליצלן און רופן דאָס העברעישע שפּראַכע. און ווי זיי רעדן? — ממש אָן צונגען: מען מאַכט מיט די הענט, מען בריקעט מיט די פיס, מען הוסט און מען ניסט און מען האָט נאָך די העזה... און נע! ווייס איך וואָס, ס׳איז הייַנט שבת און מען טאָר נישט אין כעס זיין.

דער זיידע האָט זיך געשטאַרקט, האָט גובר געווען זיין כעס. האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום אָפענעם פענצטער, פאַרשטעלט מיט דער האַנט איבער די אויגן, אַרויסגעקוקט און געזאָגט:

— ווייסט איר גאָר וואָס? לאָמיר אַרויסגיין אַ ביסל שפּאַצירן. אין דרויסן איז מחיה נפשות און דאָ אין שטוב איז געוואָרן דושנע פון די לייט, וואָס מען האָט דאָ מזכיר נשמות געווען.

ער האָט אָנגעטון זיין קעפּקע און מיר זענען אַרויס.

ער האָט פריי אָפּגעאָטעמט, האָט זיך דערפרייט מיט די גרינע ביימער, זון, גראָז, זיך פאַרגעסן אָן די „ליידאַקעס" און געוואָרן פריילעך ווי אַ קינד.

ווי יונג, ווי שטיפעריש ס׳איז געווען דער גרויסער זקן אין ליכטיקן זוניקן דרויסן.

* *

*

דאָס איז מיין איינדרוק וועגן זיידנס באַציונג צו העברעיש:

דער זיידע האָט ליב געהאַט העברעיש אַלס הייליקע שפּראַך, אַלס שפּראַך פון ספר. פאַר אים איז העברעיש געווען טראַדיציע. ער האָט אָבער נישט געהאַלטן פון העברעיזם. וואָס וויל מאַכן פון

העברעיש די א יי נ צ י ק ע יידישע שפראך און באקעמפט דער-
פאר מיט אזוי פיל שנאה י י ד י ש. ווי איך געדענק — האט
דער זיידע געהאט ברעה צלך וואס ער האט געשריבן א י ב ע ר-
צ ו ז ע צ ן אויף העברעיש. אבער ווי ווייט איך ווייס, האט דער
זיידע קיינמאל נישט געפרווט ר ע ד ן אויף העברעיש.

ג.

דער זיידע דערציילט אַ מעשה

געווען איז עס אַ זוניקער ווינטער־טאָג, אַן עכט־רוסישער פראָסטיקער טאָג: דער פראָסט האָט געברענט, געסמאַליעט די אויערן, פאַרגאַנגען אין די פינגער און דער שניי איז געזעסן אַ תושב אויף אָדעסער גאַסן און דעכער: אַ האַרטער, אַ פאַרעקשנטער און געשפּריצט מיט גלאַנציקן בריליאַנטענעם שניי־שטויב, וואָס האָט געמינ־עט קעגן דער זון.

אין ביכער־פאַרלאַג „מוריה״ (וועמענס אייגנטימער עס זענען געווען ביאַליק און ראַווניצקי) זענען געווען פאַרזאַמלט יידישע שריפטשטעלער. ס'איז געווען פרייטיק. אַ טאָג, אין וועלכן עס אַרבעט זיך נישט און עס זיצט זיך נישט אין דער היים; אַ טאָג, וואָס איז מסוגל מען זאָל זיצן און שמועסן. זיצט מען אַזוי און מען פירט געשפרעכן. דער אויוון איז הייס, די סביבה איז היימיש. זיצט פרישמאַן און דערציילט פאַרשידענע פּאַסירונגען, אַריינפלעכטנדיק אין זיי „זיינע״ וויצן. מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און עס טרעט אַריבער די שוועל דער זיידע ר' מענדעלע.

אַריבערגעטרעטן די שוועל, בלייבט ער שטיין. שטייט גלייך, אויסגעשטרעקט מ־טן פאַרריסענעם בערדל — ווי זיין שטייגער איז געווען. אָנגעטון איז ער אין זיין ווינטערדיקן פּאַלטאָ מיט דעם שמאָלן באַרינקאָוון קעלנערל, וואָס פאַרשפּיליעט זיך האַרט אונטער דער גאָמבע. אויפן קאָפּ — דאָס קליינע באַרינקאָווע היטעלע, וואָס

איז ענלעך צו אַ באַפּאָלעאָנקע. שטייט ער און קוקט אויף זיינע עלטערע און ייִנגערע אייניקלעך מיט גרויס הנאה און אויפמערקזאמקייט. זעט ער אויס ווי אונזער פעלדמאַרשאַל.

פרעגט ביאַליק:

— זיידע, וואָס שטייט איר באַ דער טיר?

צעשמייכלט זיך דער זיידע

— אָט שטיי איך און באַוווּנדער ווי חברה „קלויזניקעס“ קאָנען זיך עס נישט אָפּרייסן פון הייסן אויוון. לעמעשקעס וואָס איר זענט! ישובה-בחורים וואָס איר זענט געבליבן! צוואָס דאַרפט איר זיצן ווי די בטלנים און צוהאַלטן דעם אויוון? אַ מער לאָזט אים אָפּ, ער וועט סיי-ווי נישט אַנטלויפן! און איר אַליין — גייט בעסער אַרויס אין דרויסן, וועט איר זען ווי גרויסאַרטיק שיין און וווּנדערלעך עס איז גאָטס ווייסע וועלט! ס'איז דאָך ממש מחיה נפשות אויפן פראָסט און צום סוף זיצט איר גאָר דאָ באַם הייסן אויוון און בטלט! אדרבה: נעמט זיך אַראָפּ אַ מוסר פון מענדעלען. ווייסט איר פונוואַנען מענדעלע קומט איצט? אָט וועל איך אייך זאָגן: ווי כ'האָב זיך נאָר אויפגעהויבן און דערזען אַזאַ ליבע גאָלדענע זון קוקט פון דרויסן, האָב איך זיך איילנדיק אַרומגעוואַשן, זיך איינגעריבן דאָס לייב מיט קאַלט וואַסער, זיך אָנגעטון און זיך אַרויסגעלאָזט אויף אַ שפּאַציר. פון מיין היים האָב איך זיך אַ לאָז געטון גלייך צו דער אוספּענסקי. געגאַנגען מיט דער גאַס, ביז איך בין צוגעקומען צו מאַראַזלי-גאַס, האָב זיך אַהין פאַרקערעוועט און זיך אַריינגעכאַפּט אין גרויסן פּאַרק. און וואָס זאָל איך אייך זאָגן? ס'איז דאָך ממש טעם גן-עדן! דער פראָסט ברענט. דער שניי — סקריפּעט און די פּאַרשנייטע ביימער שטייען איינגעהילט אין קיטלען, שמייכלען זיי צו מיר און זאָגן: „גוט מאָרגן ר' מענדעלע! אַ? וואָס זאָגסטו? עפּעס אַ שיין וועטל? ווי געפעלט עס דיר?“ און איך שפּאַציר: „גוט מאָרגן — גוט יאָר! ליב אויך אייער זון. ס'איז שוין איינמאָל אַ זון. מיט אַזאַ זון מעג מען אייך מקנא זיין“. דער פראָסט טוט זיך זיינס: בלאָזט אין פּנים, צופּט די אויערן, שטעכט די אויגן, נאָר — וואָס איך ווייס.

מענדעלע לעבט בשלום אי מיטן פראָסט, אי מיטן ווינט. די זון שיינט און עס איז מחיה.

און ער צעלאַכט זיך.

מאַכט מען אים אַן אָרט לעבן אויוון. זאָל גאָט היטן! מענדעלע זעצט זיך נישט לעבן אויוון, וואָס איז ער עפּעס? אַ יידענע, וואָס פליקט פעדערן? פע! זיצן בײַ אַ הייסן אויוון, איז אַ מנהג פון ווייבער און בטלנים און ער מאַכט אַלע טאָג איין ברכה „שלא עשנו אשה" און אַ צווייטע ברכה „שלא עשנו בטלן"... זעצט ער זיך טאַקע היפּש אָפּגערוקט פון אויוון. טוט אויס דעם פּאַלטאָ מיטן היטעלע, בלייבט זיצן אַ זויבערער, אַ פרישער, מיט ליכטיקע אויגן און קלאָר פּנים. שמייכלט ער, שמייכלען אַלע. וואַרט מען: מען וועט עפּעס הערן.

גיט פרישמאַן אַ פרעג מיט לאַכנדיקע אויגן:

— וואָס זשע? איינער אַליין האָט איר שפּאַצירט?

גיט דער זיידע אַ וואָרף אַ בליק איבער דער בריל:

— און אַז אַליין איז וואָס? און וואָס הייסט „אַליין"? איינמאָל, בין איך קיינמאָל נישט אַליין. מיט מיר גייט שטענדיק מיט מיין ייד אין מיר. און נישט גאָר מיין ייד — נאָר אַ סך יידן: מיינע אבות, די נביאים און די דורות פונוואַנען איך שטאַם. אַ ל י י ן בין איך קיינמאָל נישט. צווייטנס ווידער, האָב איך אין מיין וועג אָנגעטראָפן פלוני בן פלוני. אַט דעם אַרויסגעבער פון אַ צייטונג, וואָס האָט זיך אויף מיר אָנגעזעצט און האַלט מיך אין איין ליב האָבן, אין איין דרך־ארץ האָבן פאַר מיר און איז מיר געטריי מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים און שס"ה גידים. — איז מילא, האָב איך געהאַט אַן אַרבעט, ביז גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך בין פון אים פריי געוואָרן און געבליבן אַליין — ס'הייסט: מיט מיין ייד און מיט אַלע יידן.

ווענדט מען זיך צום זיידן מיט אַ שאלה:

— ווי זשע קומט עס טאַקע, זיידע, וואָס פלוני בן פלוני, וואָס איז באמת צו אייך אַ פרעמדער, זאָל האָבן צו אייך אַ דריסת הרגל? ווי זשע קומט עס, וואָס ער זאָל ווערן מיט אייך קנעפּל בקנעפּל? האַ?

שמייכלט ווידער דער זיידע:

— איר מיינט, דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך פאַל אַריין? זאָל זשע זיך אייך דאַכטן, אַז ס'איז נישט דאָס ערשטע מאָל. אַז עס טרעפט מיט מיר אַ סך מאָל. איי־איי. דאַכט זיך קלוג און קלוג אַט דער מענדעלע; מען האַלט אים פאַר אַ ייד אַ פּיקח, וואָס איז, אדרבה: גאַר אַ גרויסער בריה אונטערצושטעלן אַ פּיסל דעם בעל־טובה, דעם עסקן, דעם פּרנס און אַלע גרויסע לייט. פונדעסטוועגן, זייט זיך משער, אַז אַט דער מענדעלע, דער פּיקח, דער גרויסער בריה — פאַלט אַ סך מאָל אַריין. און דווקא גאָר אויף אַ מיאוסן שטייגער. אַט וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה, וואָס איז זיך פאַרלאָפן טאַקע מיט מענדעלען, וועט איר זען און וויסן, אַז מיינע רייד זענען אמת.

ווערט מען שטיל, טשיקאַווע. אַזאַ כוח האָט שוין געהאַט ר' מענדעלע: האָט ער גענומען רעדן און דערציילן, זענען אַלע געוואָרן שטאַרק פאַרטון צו הערן. און מיט אַזאַ אויפמערקזאַמקייט, אַז מען האָט קיין איין וואָרט נישט דורכגעלאָזט.

און דער זקן האָט אָנגעהויבן און דערציילט:

ס'וועט שוין זיין אין דעם שיינע עטלעכע יאָר. אַזוי — אַ מיני פופציק יאָר. אַ? און אפשר טאַקע מיט אַ שמיצל. איך בין זיך דעמאָלט געווען אַ יונגערמאַן, כ'מיין אַ יונגערמאַנטשיקל. אַן איידעמל, אַ הדרודיקס, אַ צאַצקעדיקס, בין איך זיך געזעסן אויף קעסט באַם שווער אין ק"ק בערדיטשעוו. האָב נהנה געווען פון עולם הזה: פון אַ פרישער בילקע אַלע טאָג און עוסק געווען אין עולם הבא: געלערנט חקירה, זיך געמליצהט און טאַקע געהאַט אַ שם אין שטאָט: עפּעס אַ קלייניקייט! שלום יעקב! אַ זיידענער יונגערמאַן! אַ כלי נפלאה!

ויהי היום — און מיין שווערס אַ ברודער האָט דערלעבט מיט מזל און מיט גליק חתונה צו מאַכן זיין בנ'דל. איז געוואָרן אַ רעש און אַ טומל אין דער משפחה. האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער חתונה — ס'הייסט צו פאָרן אויף דער חתונה, ווי מען וואָלט זיך געגרייט אַנטקייגנצוגיין משיחן. גרייט מען זיך, באַקט מען, קאָכט מען, רעדט מען, דינגט מען פורן צו פאָרן אויף

דער התונה, וואָס דאַרף זיין בשעה טובה ומוצלחת אין קיעוו. און — אַלץ איז גרייט. נאָר איין זאַך פעלט: אַז מען פאָרט אויף אַ התונה און אויף אַ גבירישער דערצו, איז אַ חוב אויף אַן אדם מבאַרדיטשעוו מיטצונעמען מיט זיך עפּעס אַ שיינדל: אַ צאַצקע־דיקן יונגעמאַן, אַן איידעמל וואָס שמט. און איך בין אַקוראַט ווי אָנגעמאָסטן: אַ משכיל, אַ בעל־מליצה. און אַ למדן. פאַלט טאַקע דער גורל אויף מיר, איך זאָל מיטפאָרן מיטן חתן און באַשיינען די חתונה. איז מילא, ס'העלפט עפּעס? מען מוז פאָרן.

פאָרט מען טאַקע. ס'הייסט: מען שלעפּט זיך ווי די יידן פון מצרים. מען גייט צופוס אין די בלאָטעס, מען ווערט אויסגע־נעצט פון רעגן און מען איז מקים די מצוה פון טלטול־הדרך אויף אַ יידישן שטייגער. נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

געקומען קיין קיעוו, איז טאַקע געווען אַ גרויסאַרטיקע חתונה, כמנהג ישראל: מיט אַ קאַפּעליע, מיט אַ בדחן, מיט געוויינען, מיט טענץ און מיט די אַלע אַכצן זאַכענישן כמקובל. און ערשט נאָך דער חתונה, האָט מען זיך גענומען משמח זיין ביד רחבה. און באמת: ס'איז עפּעס אַ קלייניקייט? טודרוס בר' חיים, אַ מאַנס־ביל פון גאַנצע צוועלף יאָר, האָט גענומען זיין כשרן זיווג טריינע ב"ר ישראל גימפּל, אַ ווייבל פון עלף יאָר. וועט מען זיך אַזעק־זעצן אויף קעסט און מען וועט קינדלען, ווי גאָט האָט געבאָטן; וועט מען מזכה זיין דעם רבונו של עולם מיט פרישע צאַפּלדיקע יידעלעך, וואָס וועלן דאַוונען דריי מאָל אַ טאָג און שפּרינגען קדוש, און אויפבויען וועלטן מיט זייערע ברכות. איז דאָך, דאַכט זיך, פאַראַן מיט וואָס זיך משמח צו זיין. נישט אַזוי?

האָט מען זיך טאַקע משמח געווען, מאַכט מען סעודות אַלע טאָג פון די שבע ברכות, זינגט מען דערביי געזאַנגעכצן, פאַר־קאַטשעט מען די פּאָלעס, פאַרשטעקט מען זיי אין די קעמעלהאָ־רענע גאַרטלען און מען איז זיך משמח. נאָר מיך, רעדט אַן דער יצר הרע און גיט מיר צו פאַרשטיין, אַז איך דאַרף נישט בלייבן דאָרט. ער זאָגט צו מיר אַזוי, אָט דער יצר הרע: בשלמא זיי, די באַרדיטשעווער לייט, זענען זיך יידעלעך, וואָס האָבן נישט מער אין זייער וועלט ווי קינדלען און מאַכן זייערע קינדער קינדלעך.

בלייבן זיי דאָ און ווילן זיך משמח זיין, איז עס אַ שכל: וואָרים ווי פיל יאָר מאַטערט מען זיך, פּייניקט מען זיך, מען עסט נישט און מען טרינקט נישט, ביז גאָט העלפט און מען דערלעבט אַ שטיקל שמחה? אַ שמחה, פון וועלכער מען קאָן נהנא זיין און דערביי נאָך מקיים זיין אַ מצווה? איז עס טאַקע רעכט פון זייער זייט. אָבער דו, מענדעלע, וואָס האָסט שוין געגאַשט פון די קליינע אותיותלעך, וואָס האָסט שוין טועם געווען פון עץ הדעת, פון דער וויסנשאַפט, און ווייסט גאַנץ גוט, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן גרעסערע און וויכטיקערע וווּנדער ווי התונה מאַכן אַ קינד, און אין דער היים האָסטו געלאָזט שטיין אַ טיש, מיט טינט, מיט פּאַפּיר, מיט אַ פּעדער. וואָס זשע ווּעסטו דאָ בלייבן זיצן? אַ? טאַ פאָלג זשע מיך, מענדעלע, און נעם דעם וועג. טראָג זיך אָפּ אַהיים!

אָט אַזוי האָט צו מיר געטענהט דער בעל־דבר. און דאָס מאָל האָב איך אים געגעבן גערעכט. ער רעדט פּאָרט שכלדיק! ער מעג זיך טאַקע זיין אַ יצר הרע, אַ וואָס אין דער קאָרט, נאָר אַז איך פאַרשטיי עס פּאָרט. און זאָגן וויל איך אייך: אָט דער בעל־דבר, דער חברה־מאַן, רעדט אַמאָל דווקא מיט קאָפּ און טאַקע צו דער זאַך. און בײַ מיר איז געבליבן: מענדעלע טראָג זיך אָפּ!

בין איך מיר אַרויסגעגאַנגען צו געפינען אַ באַלעגאָלע מיט וועמען צו פאָרן אַהיים ל״קק באַרדיטשעוו. געקומען אין אכסניה, ווו די באַלעגאָלעס שטייען־איין און איך טרעף דאָרט מיכל באַלבאַטש. אַ ייד אַ דברן, וואָס האָט געהאַלטן שטענדיק אין איין באַלבען. און דערפאַר האָט מען אים טאַקע גערופן באַלבאַטש. (דער מיכל באַלבאַטש ווערט טאַקע דערמאָנט בײַ מענדעלען אין צווייטן טייל פון „שלמה רב חיימס״.)

— הער זשע, מיכל — זאָג איך צו אים — ווּעסט אפשר פאַרנעמען דיין סוס מיט דער בויד און פאָרן מיט מיר קיין באַרדיטשעוו?

— מיטן שענסטן כבוד און גרעסטן פאַרגעניגן, ר׳ שלום יעקב! — ענטפערט ער.

— אפילו נישט מיטן שענסטן כבוד — זאָג איך — נאָר מיט גו'ויס צרות און מאַטערניש, איידער דער סוס אייערער וועט זיך דערשלעפּן אין די טיפע בלאָטעס.

— גאָט איז מיט אייך, ר' שלום יעקב! — שרייט ער אויס — וואָס רעדט איר וואָס? אַ סוס איז עס? ס'איז דאָך אַ לייב, אַן אָדלער! ער פליט פייל פון בויגן. און די בויד? — שדים מעגן דאָך אין איר פאָרן. גוט אדרבה אַ קוק ווי זי איז אויסגעבעט מיט פריש שמעקעדיק היי.

— איך זע — זאָג איך — ווי די בויד איז פאַרדריפּעט ביז אַרויף. און אַז איך וועל שוין האָבן מיין כשר אויסקומעניש צו פאָרן מיט דעם לייב, וואָס האָט אַן אויסגעקראַכענעם ווידל, וויפיל זשע וועט מיך קאָסטן דער יידישער תענוג צו פאָרן מיט ר' מיכלס בויד, ביזן גאַרטל אין בלאָטע, און אָנקומען אויף שבת קיין בערדיטשעוו?

— געזונט זאָלט איר זיין ר' שלום יעקב! וואָס רעדט איר, וואָס? מיט איין פאַרשווינדל, וועט עס דאָך גיין ווי אַ מזמור. — איר וועט מיר געבן די גאַנצע ניין גילדן!

זאָג איך צו אים אַזוי:

— הער זשע צו, באַלעגאָלעטשיסקע! איך דינג זיך נישט מיט דיר. איך גיב דיר וויפיל דו פאַרלאַנגסט, נאָר מיט איין תנאי: זאָלסט מיר נישט מאַכן קיין באַלעגאָלעשע שטיק. עס זאָל מיר למעה"ש שפּעטער נישט אַריינפאַלן פלוצלינג אַ פּאָר פאַרשווינדלעך אין בויד אַריין. איך האָב דאָס פיינט!

— זאָל גאָט היטן! וואָס הייסט וואָס? אַז אָפּגערעדט, איז אָפּגערעדט. דערפאַר באַצאָלט איר מיר דאָך פאַר דער גאַנצער „יאַזדע".

ווען מיר האָבן זיך גענומען לאָזן אין וועג אַריין, איז שוין געווען פאַרנאַכט-צו-צו. איך האָב זיך גוט אַרומגעוויקלט דעם האַלז, האָב זיך פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך און העקעלעך, זיך אַוועקגעזעצט אויף מיין זיץ-קושן (יענע צייטן, אַז עס פלעגט אויסקומען גאַנצע טעג צו זיצן אין בויד, פלעגט מען זיצן אויף אַזאַ מין קישעלע. דאָס איז געווען ווי אַ בייגל, געמאַכט פון לע-

דער און אָנגעשטאָפּט מיט פּעדערן) און זיך פאַרגענומען אויסצו־שטיין אַלץ, וואָס מען דאַרף אויסשטיין בּאַ ר׳ מיכלען אין בויד. אַלע טלטולים און צרות: גייען צופוס אין בּלאָטע בּיזן גאַרטל, חען עס האַלט בּאַ בּאַרג־אַרויף — אונטערשטעלן אַן אַקסל און אָפּקומען אַלץ, וואָס אַ ייד איז בּאַשערט אָפּצוקומען אין וועג.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דער הימל האָט זיך אָנגעבּלאָזן ווי אַ מרוק. האָט זיך פלוצלינג צעפּיעשטשעט און גענומען טריפן מיט אַ נודנע דין רעגנדל. ס׳איז געוואָרן אַ שלעכט וועטער. עס רינט און עס שווימט פון אַלע זייטן. דער ווינט פייפט און מאַכט קולות, רייסט זיך ווי אַ הונט פון דער קייט און איך, מענדעלע, זיץ מיר אין בויד. מיכל בּאַלבּאַטש האָט אָנגעהויבּן שלאָגן דעם סוס ווי ער וואָלט געווען אַ גזלן. מיט אַזאַ רציחה האָט ער גע־שלאָגן. קלאַפּ נאָך קלאַפּ. האָט אָנגעהויבּן אַרבּעטן מיט זיין פאַר־זשאַווערט קול: וויאָ! און העטאַ! בּיז דער סוס האָט סוף כּל סוף דערפילט דאָס אָנצוהערעניש פון זיין בּאַלעבּאָס. פאַרשטאַנען, אַז די נסיעה הייבּט זיך אָן און גענומען פלאָנטערן מיט די דאַ־רע פיס.

אַרויסגעקומען הינטער דער שטאָט: טפּרו־ו־ו! מיין מיכל האָט זיך אָפּגעשטעלט. וואָס איז שוין עפּעס נייעס? און מיכל שטייט שוין לעבּן מיר און רעדט מיט תחנונים:

— געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין ר׳ שלום יעקב. סך הכּל אַ גרינג פאַרשווינדל.

— וואָס איז דאָס? הייבּסט שוין אָן מיט דיינע בּאַלעגאָלע־שע שטיק? מען האָט דאָך עפּעס אָפּגערעדט?

— וואָס זשע? — מאַכט ער זיך תמעוואַטע — איך האַלט נישט קיין וואָרט, חס ושלום? נאָר וואָס דען? אַ גרינג פאַרשווינדל. אַ פרוי. ווו וועט זי נעבּעך בּלייבּן אין דער פרעמד? און נאָך: איר פאַרשטייט דאָך אַליין: עס גייט שבּת. מען מוז דאָך פאַרדי־נען. איר האָט דאָך עפּעס אַ גוט יידיש האַרץ...

נו, מילא. ווער קאָן בּיישטיין אַזאַ נסיון? אי אַ גרינג פאַר־

שינדל, אי אַ פרוי... און דער עיקר: אַ ייד דאַרף אויף שבת! שבת איז דער גרעסטער תּירוץ... זאָל זי שוין פאָרן.

אין בויד נעמט קריכן עפּעס אַ שווערע זאַך. אַרומגעוויקלט, משמעות, מיט דעקעס און פּאַטשיילעס, און עס קאָלערט זיך אַריין גלייך אויף מיינע פיס. כאַפּ איך זיך באַלד: טרעט איר אָפּ מיין אָרט און אַליין זעץ איך זיך קעגן איר.

פּאָרט מען ווייטער און מיר גליסט זיך פאַרפירן אַ שמועס מיט דער יונגער דאַמע. מען דאַרף דאָך זיין אַ שטיקל איידלמאַן. מען איז שוין ברוך השם אַ משכּיל, אַ היינטוועלטיקער. מען זיצט מיט אַ יונגער פּרויעגצימער אין אַ בויד, דאַרף מען דאָך נישט זיצן ווי אַ לעקיש.

און איך הייב אָן:

— איר זענט פון בערדיטשעוו?

— מאו־ו־ו! — גיט זי אַ מרוק דורך דער נאָז, עפּעס ווי אַ קול פון אַ שופר.

— איר זענט אַ געבוירענע פון בערדיטשעוו?

— מאו־ו־ו!

טראַכט איך אפילו: וואָס איז דאָס פאַר אַ מרוקען? נאָר גלייך טראַכט איך צוריק: אַ יונגע פרוי, אַ פרעמדער יונגערמאַן. פּאַסט נישט צו ווערן גלייך חברלייט. איז מילא. זאָל זי דערוויל שווייגן און איך נעם רעדן.

ס'איז געווען דאַן נאָך דער טערקישער (?) מלחמה. און איך הייב אָן אַרויסווייזן מיין בקיאות אין סטראַטעגיקע. און פון סטראַטעגיקע שפּרינג איך אַריבער צו פּאָליטיק, דרשן איך תּרפּ"ט דרשות און וויל באַווייזן באותות ובמופתים, אַז אַלע מלוכות זענען רויבער, רוצחים, מערדער, גנבים און מאַרוויכער. זיי ווילן צו־עמען באַם צווייטן, וואָס יענער פאַרמאָגט. און אַז אַלע מלחמות זענען פּשוטע רויבערייען. און אַז די אָרימע פּשוטע מענטשן פירט מען צו דער שחיטה ווי שטומע אָקסן... און אַזוי שמועסנדיק, צעפלאַקער איך זיך נאָר שטאַרק, וויל זיך אויספּיינען און כאַפּ זיך אַריבער צו ליטעראַטור. און איך צעלאָז מיין געשליפן פּיסקל, און איך צעפּלאַם זיך וועגן השכּלה, און איך צעפרעדיק זיך וועגן דער „הימלישער טאָכטער",

די וויסנשאַפט ווייסט עס. ווי אַזוי מען דאַרף, מען מוז, און ס'איז אַ מצווה צו מאַכן אונזערע יידעלעך פאַר מ ע נ ט ש ן . . . אַ ציגל האָב איך געהאַט ווי עס פּאַסט פאַר מענדעלען. לייג איך טאַקע אַוועק דאָס ריכטיקע ביסל לשון. איך שריי אויף אַ קול, מאַך מיט די הענט, דריגע־צו מיט די פיס און —

בקצור: איך בין אַוועק גאָר אין די וווייטע דרכים: איך האָב שוין געהאַלטן באַם רמבם, באַ עניני גיהנום וגן־עדן, האָב אויפגעמישט די נביאים, האָב ציטירט אַריסטאָטעלעסן און —

אינמיטן האָב איך אָפּגעהאַקט. מחמת: מיר האָט זיך געדאַכט, איך הער אַ קול פון כראַפּען. . .

— איר הערט? — האָב איך געגעבן אַ פרעג.

זי האָט אַ ציטער געטון. משמעות, איך האָב זי איבערגעריסן פון אַ זיסן דרימל און זי האָט געענטפערט:

— מאַו־ו־ו.

אַלץ מיט דעם פאַרריסענעם קוויטשעלע.

פאַלט מיר איין: נישט אַנדערש, נאָר זי איז אויף מיר באַליידיקט. און זי איז טאַקע גערעכט אויך: אַליין זיץ איך אויף דעם קושן. און די נעבעך. . . אַ צאַרטע יונגע פרוי. . . איך האָב זיך געכאַפּט מתקן צו זיין מיין טעות און איר פאַרגעלייגט מיין קישן, זי האָט גענומען, ווידער עפּעס אַ מרוק געטון מיט אַ קול פון אַ צעשפּאָלטענעם שופר — אַ דאַנק משמעות.

אַזוי זענען מיר געפאָרן אַ גאַנצע נאַכט. איך האָב זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, אלמאי איך האָב תיכף נישט פאַרגעלייגט מיין קישן. געהאַט כסדר אין זינען זיך אויסצופּיינען פאַר איר. אָבער מער ווי אַ מרוק האָב איך נישט געהערט פון איר. משמעות זי איז זייער מיד. . .

באַגינען זענען מיר אָנגעקומען צו אַ קרעטשמע. אַז איך בין אַריין אינעווייניק, כדי עפּעס איבערצוכאַפּן און זיך אָנוואַרעמען, רוף איך זיך אָפּ צו מיין באַלעגאָלע:

— וווּ איז די פרוי? רוף זי צו, וועט זי אויך עפּעס עסן.

זי איז טאַקע באַלד צוגעקומען. האָט זיך געהאַט אויסגע־

ווינקלט פון די פארטשיילעס און... איר האט אמאל געזען א בערדיטשעווער סעדיכע? אז גאט זאל שומר ומציל זיין! איך האב געפילט: דאס פנים פלאמט מיר פון בושה: ס'איז געווען אן אלטע אפגעריסענע יידענע, דאס פנים געקנייטשט און געשטופלט ווי א מצה. די טרערן רינען איבער די באקן ווי טראפנס רעגן אויף א פארהויכטער שויב; ציען זיך אין פאסיקלעך. די אויגן זענען איר ארומגעליאמעוועט מיט רויט... פלייש. און איך: לעקיש! שוטה! דראנג! טפש! איך האב עס פאר איר א גאנצע נאכט געדרשנט און נאך מיין קישן אויפגעגעבן...

דא ערשט האבן מיר זיך צעלאכט און זיך דערמאנט, אז דער זיידע דערציילט א מעשה שהיה. די גאנצע צייט האבן מיר געשוויגן, די פארשוינען, וואס דער זיידע האט וועגן זיי דערציילט, באכמאכנדיק זייערע תנועות מיט אלע פיטשעווקעס, זענען געשטאנען ווי לעבעדיקע פאר די אויגן. אזוי בולט, אזוי קלאר. און ס'האט אויסגעוויזן, אז דאס לייענט עמעצער פאר פאר אונז פון מענדעלעס ליטעראטור...

• •

•

— זיידע: דאס אלץ איז רעכט ביז איר ווערט געוואר, אז איר זענט אריינגעפאלן. אבער, אז איר ווייסט שוין, איז וואס איז דאן?

— א? איר מיינט עס קעגן אט דעם פארשוין, וואס האט מיך ליב? וואס איז מיר כסדר בעטריי? איז, פארשטייט איר מיך: פאראן אויף גאטס וועלט א שטעטל הייסט עס מינקעוויץ. איז אט דאס שטעטל באשאפן געווארן, כדי צו רייניקן אומריינע קעפלעך... פון ששת ימי בראשית אן האט מינקעוויץ א חזקה, אז אהין שיקט מען פארכעס. מינקעוויץ היילט אויס. ווי אזוי זשע? אט ווי אזוי. אז עס קומט אהין אן א באקרוינטער קאפ, נעמט מען א שטיק שמאטע, מען באשמירט די שמאטע מיט סמאלע און מען גיט זי א לייג ארויף אויף אט דעם קאפ. לאזט מען עס

אַזוי ליגן, ביז עס ווערט גוט צוגעטרוקנט. און אַז עס קומט די ריכטיקע צייט, האָט מינקעוויץ ווייסט פון איר, גיט מען דידאָזיקע שמאַטע אַ רייס אַראָפּ, אַזוי ראַפּטום, מיט אַמאָל... איז אַזוי — דאָס אַרויפלייגן די שמאַטע איז זייער גרינג. עס קילט מחיה, אדרבה: ס'איז נאָך דערביי אַ שטיק הנאה אויך. אָבער דאָס אַראָפּ־רייסן — אַ־אַ־אַ!

דעם זיידנס פנים האָט זיך געגעבן אַ קנייטש איין. ס'האָט אויסגעדריקט גרויסע שמערצן.

— און אַזוי איז עס מיט אַט דעם פאַרשוין. צוגעקלעפּט האָט ער זיך דווקא זייער גרינג, אָבער אים איצט אַראָפּרייסן איז שווער...

און דער זיידע איז אַ ביסל אומעטיק געוואָרן

ד.

ערשטע זקנה=צייכנס

פאַר אַ סך יאָרן, אַז מען האָט מענדעלען גערופן זיידע, פאַר אַ סך יאָרן, אַז אויף זיין שטאָלצן קאָפּ איז געלעגן אַ שניי=ווייסע קרוין. נאָר קיין זקנה האָט אויף אים נישט שולט געווען. ער איז געווען יונג אין אַלע חושים. איז געווען אַ הייסער, אַ טעמפּעראַמענטפולער, אַ גלייכער, אַ ליכטיקער.

און אַזוי — ביז ער האָט כמעט דערגרייכט די שמונים (לויט דער אָנגענומענער צאָל יאָרן זיינע) און געדיכט זענען געווען די האָר אויף זיין קאָפּ. קלאָר דאָס פנים, ליכטיק און שאַרף די שפּילעוודיקע אויגן, עס האָט פון אים אינגאַנצן געשמעקט מיט זויבערקייט, פרישקייט, פריילעכקייט. אין אַלע אברים האָט געשפּרודלט לעבן.

אין די לעצטע יאָרן פלעגט אמת טרעפן, אַז אין די רעגנ=דיקע ווינטער=טעג איז ער אַ ביסל פאַרענדערט געוואָרן און אויסגעזען אַ ביסל פאַרוויאַנעט. עס פלעגט שוין אַמאָל טרעפן, אַז ער איז געזעסן און געשוויגן און אַ שטילער טרויער האָט אַרויסגעקוקט פון זיינע אויגן. ווער קאָן וויסן, וואָס דער זקן האָט דאַן געטראַכט. אפשר האָט ער באַהאַלטענערהייט געטראַכט פון טויט, פון וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט רעדן? אפשר פון זקנה — פאַר וועלכער ער האָט אַזוי מורא געהאַט און מיט שווייגן זי נישט געוואָלט צולאָזן צו זיך?... אָבער ווי נאָר דער ליבער

ווּמער איז געקומען אין לאַנד אַריין — אַזוי האָט דער זקן גלייך אויפגעבליט פּונקט ווי די ביימער און בלומען-קושאַקעס. ער האָט זיך אַרויסגעצויגן אויף דער דאַטשע באַם ים. האָט זיך אָנגעהויבן שויקן מיט זון און מיט ריח פון געזאַלצענע וואַסערן. און ער איז ממש געוואָרן אַ יונגערמאַן. ער האָט געשטיפּט, געלאַכט. גע-שפּרודלט מיט קלוגע רייד, האָט אַ סך געאַרבעט און שפּאַצירט לאַנגע שעהן, אַן אויסגעשטרעקטער, אַן אויפגעלייגטער. אין האַנט זיין שטעקן, וואָס האָט שוין באַ אים „געדינט" לאַנגע יאָרן און אויף אַלע שפּאַצירן אים באַגלייט. אויפן קאָפּ זיין זיידן קעפּקע-היטעלע, — ווער ווייסט ווי אַלט עס איז שוין געווען, — האָט ער נעקלעטערט אויף פעלזן. גענידערט אין טאָלן און נישט געוווסט פון מיד ווערן.

אַזוי האָט ער שפּאַצירט לאַכנדיק, שטיפנדיק. נאָר פּלוצ-לינג איז ער שטיל געוואָרן, האָט גענומען גיין געלאַסענער, זיינע אויגן האָבן זיך ברייטער פונאַנדערגעעפנט. אַ שעת רצון איז גע-קומען. איז ער געוואָרן גוט און שטאַרק צוגעלאָזט. האָט פון אים געלויכטן אַזאַ נשמה-ליכט, וואָס האָט געוואַרעמט, אַ ליבשאַפט האָט זיך אין אים דערוועקט צו די אייניקלעך, וואָס האָבן אים באַגלייט. נ ח ה ע ל י ו ה ר ו ח . און ער האָט גענומען רעדן און דער-ציילן און דאַן — פּערל האָבן זיך געשיט פון זיין מויל.

האָט מען שוין געשפּאַנט געלאַסן און מיט פאַרגאַפונג זיך צוגעהערט.

און וועגן וואָס האָט דער זיידע נישט גערעדט? וועגן פעלד און וואַלד, וועגן פייגל און פליגן, וועגן תבואות און וועגן יקרות. וועגן ארץ-ישראל און גלות. וועגן זיין יוגנט און וועגן די צרות, וואָס ער איז זיך אויסגעשטאַנען. וועגן וואָלין און ליטע, ווו ער האָט אַמאָל אַרומגעוואַנדערט. וועגן קבצנים, אביונים און גלאַט אָנשיקעניש, מיט וועמען ער האָט זיך געטראָפן. אינמיטן רעדן האָט אַ בליץ געטון אַ וויץ. אַ שאַרפער משל, אָדער אַ פּלאַסטישע באַ-וועגונג, וואָס האָט זיינע ווערטער פאַרקערפּערט אין אַ ממש — מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן.

אינמיטן דערינען איז ער מפסיק אויף אַ ווײַלע. שטעלט

אויס די אויגן, פאַרשטעלט די האַנט איבער די אויגן ווי אַ דעכל. קוקט זיך איין: עס גייט פאַרביי אַ יונגע דאַמע, אַ דאַטשניצע, איז זי שיין אויסגעפּוצט, מיט אַ טיפן דעקאָלט. צעשמייכלט ער זיך און לאָזט פאַלן:

— אַבי מען זאָגט פרויען זענען נישט אַ פ נ ה א ר צ י ק...

און קערט זיך צוריק צו זיין געשפּרעך.

ווידער פליסט זיין שמועס ווי שטילער ריינער קוואַל, און עס דאַכט זיך: זיין געשפּרעך ציט זיך פון זיך אַליין, ווייל: ס'איז אַ שעת רצון באַם זיידן.

נאָר וועגן איין ענין האָט ער זיך געהיטן צו רעדן:

וועגן זקנה און טויט.

אַזוי זיך געהיטן, ווי ער וואָלט כלל נישט געוווּסט וועגן זייער מציאות אויף דער וועלט. אַז ער ווייסט גאָרנישט פון אַזעלכע מיני זאַכן... נישטאָ אַזעלכעס...

קוים האָט עמעצער דערמאַנט צופעליק וועגן דעם, עמעצער האָט דערציילט: דער און דער איז געשטאָרבן. האָט דער זיידע געגעבן אַ צי צונויף די אויגן, האָט דעם ענין געגעבן אַ פּטור-אָפּ מיט עטלעכע ווערטער און גלייך גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש: ווייס איך וואָס עס קען מיט סתם מענטשן טרעפן. צו אַזעלכע ווי ער האָט עס קיין שייכות נישט.

אַז מען האָט אים איבערגעגעבן וועגן פּרצס טויט, האָט ער באַקומען אַ פאַרוואונדערט פּנים. האָט זיך אויף אַ קורצע ווײַלע פאַרטראַכט. אָבער נישט מער. ער האָט עפּעס געזאָגט אַ פּאָר ווערטער, סתם ווערטער און באַלד גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש.

ס'זעט אויס: ער האָט בכוונה זיך געוואָלט אַרויסמאַכן פון דעם קרייז, וווּ מען טראַכט וועגן זקנה און טויט. ער האָט מיט דעם קיין שייכות נישט.

צו אַ לוויה פלעגט ער גיין נאָר דאָרט, וווּ מען האָט שוין געמוזט. און זיין גיין איז געווען אַ מאָדנע גיין. ער איז געגאַנגען צווישן די מלווים, אַן אויסגעשטרעקטער, אַ זייער-רויקער. „געווען מיט אַ קאָפּ העכער פון אַלע איבעריקע“, דאָס האָט אים

אָפּגעזונדערט. ס'האָט געהייסן: אָט גייט ער צווישן די, וואָס זענען מלווה זייער מת. מילא. ער טוט זיין חוב, ער אַליין אָבער האָט נישט קיין שייכות צו דעם ענין. ער געהערט נישט צו דיראָ־זיקע, וואָס קאָנען אַלט ווערן און שטאַרבן... ער איז גאָר פון אַן אַנדער מין...

איז ער געגאַנגען. אָבער פונדעסטוועגן איז גלייכער, וואָס ווייניקער צו האָבן צו טון מיט אַזעלכע זאַכן. איז ער געגאַנגען אַ ביסל, יוצא געווען, דערנאָך אויסגעקערעוועט און אַוועק אַהיים.

אַ לוויה, צו וועלכער ער האָט נישט געמוזט גיין — איז ער טאַקע נישט געגאַנגען. אמת טאַקע, מלווה זיין אַ מת איז אַ מצווה, נאָר ער האָט אַנדערע מצוות גאַנץ גענוג.

מען האָט מיר דערציילט אַזאַ פאַל:

געווען איז עס באַ דער לוויה פון יהודה שטיינבערג אָדער לעווינסקין. האָט נישט געהאָלפן און דער זיידע איז געקומען צו דער לוויה. איז ער געגאַנגען צווישן עולם און געקוקט נאָר אין אַ זייט. ווי ער וואָלט גאַרנישט געוווּסט, אַז מען פירט אַן ארון. איז זיך געגאַנגען זייער־זייער רויק: ס'האָט מיט אים נישט צו טון. אויפן וועג אָבער, ווען די לוויה האָט זיך געלאָזט אַרויס פון שטאָט שוין צום בית־עולם — מען קוקט זיך אום — נישטאָ מענדעלע. ער האָט זיך געהאַט אַרויסגעכאַפּט פון עולם און נעלם געוואָרן.

צומאָרגנס האָט מען אים געפרעגט:

— ווו זענט איר פאַרפאַלן געוואָרן, זיידע? פאַרוואָס זענט איר נישט געווען אויפן בית־החיים?

האָט דער זיידע געענטפערט בקיצור:

— ווייס איך? „אל תפתח פה לשטן". צו וואָס קריכן אין די אויגן אַריין?

און גלייך גענומען רעדן פון עפּעס אַנדערש. מער נישט געוואָלט געדענקען אין דער לוויה. אַז ער ווייסט נישט פון אַזעלכע זאַכן ווי מתים און לוויות...

און מהאי טעמה האָט זיך דער זיידע שטענדיק געהיטן פון

ארויסצוווייזן אַ פּיזישע שוואַכקייט, וואָס קאָן זיין אַ סימן פון זקנה. דערפאַר האָט ער זיך קיינמאָל נישט געלאָזט צוהעלפן און האָט זיך זייער געהיטן עס זאָל נישט טרעפן מיט אים אַ מכשול. ס'האָט אויסגעזען: ער ווייסט אין זיך גאַנץ גוט, אַז דער בעל-דבר טשאַטעוועט אויף אים, ווייל אים דווקא אַריינשלעפן אין דעם קרייז ווו ס'איז פאַראַן זקנה און טויט, מוז ער גוט געדענקען און זיך אויסהיטן.

ער האָט, למשל, שוין נישט גוט געהערט אויפן לינקן אויער. האָט ער עס קיינמאָל נישט אויסגעזאָגט. ער האָט שוין געפונען עפּעס אַן אויסרייד צו מאַכן אַזוי, אַז דער, וואָס רעדט צו אים, זאָל אויסקומען בײַ זיין רעכטער זייט און נישט וויסן, אַז דאָס איז צוליב דעם לינקן אויער.

אָט געדענק איך:

ס'איז געווען שבת. איך בין געקומען צום זיידן און אים געטראָפן אַליין. איך האָב בשעת מעשה נישט געדענקט און זיך אַוועקגעזעצט צו זיין לינקער זייט. האָט דער זיידע געקוקט אַ ווייַלע און פּלוצלינג זיך צעבייזערט:

— אַ מאָדנער מענטש זענט איר! גערעכט אין יידן. אַ ייד מוז זיך זעצן אַזוי, אַז ער זאָל פאַרשטעלן די ליכט! (די פענצטער אין זיין קאַבינעט זענען אויסגעקומען צו זיין לינקער זייט...) וואָס זשע? איר האָט אויך מורא פאַר אַ ביסל ליכטיקייט? איז צו וואָס זשע דאַרפט איר זיצן אין דער זייט און פאַרשטעלן די ליכט, אַ מער זעצט זיך אויף דער זייט, אַט-אַ-דאָ-אָ, און איר וועט די ליכטיקייט נישט פאַרשטעלן... איר פאַרשטייט? ס'איז דען פאַראַן אַ גרעסערע מתּנה אויף דער וועלט ווי די ליכטיקייט?

דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד צוליב דעם, וואָס ער האָט אויף דעם לינקן אויער נישט גוט געהערט... געהייסן, משמעות, האָט עס: זאָלן נאָר אַנדערע פון דעם נישט וויסן, איך אַליין וועל מיר שוין ווי עס איז אַן עצה געבן מיט דעם שר הזקנה. איך וועל זיך נישט וויסן-מאַכן און פּטור. וועט ער אויך נישט וויסן... זאָל מען עס נאָר נישט צעפּויקן...

און אַזוי האָט דער זיידע מבטל געווען אַלע קראַנקייטן. האָט זיך אויסגעלאַכט פון אַלע דאָקטוירים. ער ווייסט נישט פון אַזעלכע זאַכן. סך הכּל זענען גאָר נישטאָ קיין קראַנקייטן. יעדע מחלה איז בלויז אַן איינרעדעניש. און דאָס טרעפט נאָר בײַ פּשוטע מענטשן, וואָס זענען מסוגל זיך צו שרעקן און איינרעדן... און דאָקטוירים — דאָס מיז גאָר אַן אַנשיקעניש, אַן אומגליק, מחמת: קוים איז די נשמה ריין און געזונט, קאָן קיין שום קראַנקייט אין גוף נישט שולט זיין... אָבער אַז עס קומט אַ דאָקטאָר און פאַר־שרייבט אַ רעצעפּט. און דער חולה הייבט אָן וואַרטן אויף דער הילף פון דער מעדיצין... פאַרציט זיך זיין קראַנקייט און ער קאָן טאַקע קראַנק ווערן...

דערפאַר אפשר איז דעם זיידנס הויז־דאָקטאָר שטענדיק געווען ד״ר שערעשעווסקי — אַ מענטש, וואָס זייענדיק אַ דאָק־טאָר, האָט אַליין נישט געגלייבט אין מעדיצין און חוזק גע־מאַכט פון רעצעפּטן. פון אים האָט דער זיידע שטאַרק גע־האַלטן.

און געהיטן האָט זיך דער זיידע פון אַ מכשול. ער האָט אַלעמאָל אין זינען געהאַט אויסצומיידן עפּעס אַ צופאַל. ס׳האָט גע־הייסן: לאָמיך נאָר דעם חברה־מאַן, דעם שר הזקנה, נישט געבן קיין געלעגנהייט.

איך געדענק:

ס׳איז געווען אַ האַרבסטיקער כמורנער פאַרנאַכט און איך בין געקומען צום זיידן. ס׳איז געווען אַ פּראָסטער וואָכעדיקער טאָג. נישט קיין שבת און נישט קיין יום־טוב. און געקומען בין איך אָט צוליב וואָס:

אין אָדעס איז דעמאָלט געווען אַ קבוץ פון יידישע און העברעישע שריפטשטעלער און מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ זאַמלבוך (ער איז שפּעטער אַרויס אונטערן נאָמען: „אונטער־וועגס״), ס׳איז געווען מלחמה־צייט. אַ שעת חירום אויף דער יידי־שער פּרעסע. נישט געווען ווו צו שרייבן. און מען האָט גע־

רעכנט, אַז אַ זאַמלבוך וועט מען יאָ דערלויבן אַרויסצו־
געבן.

בין איך עס געגאַנגען צום זיידן, נעמען באַ אים אַ זאַך פאַר
דעם זאַמלבוך.

געטראָפן האָב איך דעם זיידן אין זיין גרויסן קאַבינעט און —
עפּעס אַ גרויסע פאַרענדערונג האָב איך אין אים דערזען: דאָס
פּנים — נישט אַזוי ליכטיק, די אויגן מיט שטילער זאָרג. ער איז
געזעסן אַ ביסל געבויגן. אַ פרעמדער אויג וואָלט אפשר גאָרנישט
געווען באַמערקט. אָבער דער, וואָס האָט אים גוט געקענט, וואָלט
עס גלייך דערזען. ער איז דאַכט זיך דער זעלבער און פאָרט
נישט דער זעלבער.

אפילו זיין קול איז עפּעס געווען געשלאָגן.

איך האָב אים געזאָגט באַכוואָס איך בין געקומען. און אים
אפילו מודיע געווען, אַז קיין האָנאָראַר וועט ער נישט באַקומען.
אַנדערע — יאָ, ער אָבער נישט...

שטילער טרויער איז געווען אין זיין קול:

— אַ זאַך? באַלד. זייט אַזוי גוט און זעצט זיך אַוועק, אָט
דאָ, לעבן מיר — מיר אָנגעוויזן צו זיין רעכטער זייט באַם טיש —
וועלן מיר אויסקלייבן אַ קאַפּיטל פון מיין צווייטער טייל „שלמה
רב חיימס", וואָס איך האַלט אין שרייבן.

מאָדנע: ס'איז יאָ זיין קול און ס'איז נישט זיין קול. עפּעס
אַ פּגם איז פאַראַן אין דער שטים.

איך האָב זיך געזעצט לעבן אים. ער האָט אַרויסגענומען
פון טישלעדל די גרויסע בויגנס פּאַפּיר, אויף וועלכע ער האָט
שטענדיק געשריבן. דאָס איז געווען דער „טשערנאָוויק". ער האָט
גענומען לייענען. נאָר גלייך האָט ער שטיל אָראָפּגעשלונגען אַ זיפצל.
אַזאַ קליינס, אַ ווייכס. און ער האָט געזאָגט:

— נאָט. לייענט איר און איך וועל מיך צוהערן... ס'איז
בעסער, אַז איך הער... וועל איך בעסער קאָנען אויסקלייבן...

נאָר געפילט האָב איך: אים איז שווער צו לייענען, און
דאָס וואָס ער זאָגט איז נאָר אַזאַ „ערמה"...

מיר האָבן אויסגעקליבן דאָס קאַפּיטל, אין וועלכן עס ווערט באַשריבן ווי שלמהלע לאָזט זיך אַוועק אין דער וועלט אַריין און זיצט מיט מיכל באַלבאַטש אויף זיין בויד, האָב איך עס געליינט און ער האָט געהערט.

איך געדענק נישט אויסנווייניק גענוי די ווערטער. איך געדענק אָבער ווי דאָס קאַפּיטל האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ שילדערונג: די זון האָט זיך נאָר וואָס באַוויזן, האָט געעפנט איין אייגל און האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט געהאַט אַ געשוואָלענע אונטערגעבונדענע באַק. און — איך גיב אַ קוק: מענדעלע האָט פאַרמאַכט איין אויג, מיטן אַנדערן זשמורעט ער און ציט־צונויף די באַק.

אָט אַזוי, הייסט עס, האָט זי אויסגעזען.

איך האָב זיך צעשמייכלט און נישט געוווסט ווו פריער צו קוקן: צי אין די קליינע געפּערלטע אותיותלעך, צי אויף מענדעלען. עפּעס זענען ביידע צונויפגעוואַקסן און געוואָרן איינס: מענדעלע שבעל פה האָט מפרש געווען מענדעלע שבכתב. מיט יעדער תנועה און העוויה, מיט דעם קרעכץ און דריידל.

מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהערט מפרש זיין... אַ מידקייט איז אים באַפאַלן. דאָס האָט מיך נאָך מער פאַרוווּנדערט. ווען האָט דאָס פּאַסירט מיטן זיידן?...

אָפּגעלייענט, האָט מענדעלע געוואָלט ענדערן עטלעכע ווערטער. האָט ער מיר געגעבן די פּען אין האַנט אַריין און געזאָגט:

— אַז איך וועל זאָגן, וועט איר שרייבן.

דאָס האָט מיך ווידער געוווּנדערט...

מילא, בין איך געזעסן לעבן אים. ביידע האָבן מיר אַריינגעקוקט אין כתב־יד. אַז ער האָט געוואָלט איבערמאַכן אַ וואָרט, האָט ער מיר געזאָגט. האָב איך דאָס פריערדיקע פאַרשטראָכן און דאָס נייע אויפגעשריבן. נאָר אַלע ווײַלע האָט ער אויפגעציטערט:

— ווי אַזוי האַלט איר די פּען?

קוק איך מיט וווּנדער:

— ווי אזוי ?

— איר קאָנט מיר נאָך אָן אויג אַרויסנעמען !

און וויפיל איך האָב זיך נישט געהיטן, האָט ער זיך אַלץ אַלע ווײַלע דערשראָקן און זיך אָפּגעבויגן.

— געוואַלט ! ווי אַזוי האַלט איר די פּען ? זײַט פאָר־זיכטיק !

וויפיל איך האָב זיך נישט באמת צו זײַן פאָרזיכטיק, האָט עס נישט געהאָלפן. ער האָט זיך אַלע ווײַלע אָנגעבויגן מיט שרעק.

ווען מיר האָבן די אַרבעט געענדיקט, איז דער זיידע גע־בליבן שטיל, פאַרטראַכט. אין די אויגן — פאַרבאָרגענער צער.

די „באָבע" האָט אים אַרײַנדערלאַנגט „וועטשערע". אַ קליין טרוקן שטיקל שוואַרץ ברויט מיט אַ גלאָז טיי. דאָס איז גאַנצן.

שווייגנדיק האָט ער אָפּגעגעסן די „וועטשערע".

אין די שויבן האָט געקוקט שטאָק פינצטערע נאַכט. מרה־שחורהדיקער רעגן האָט גענומען פּויקן אין די שויבן. אין גרויסן צימער איז די ווינטערדיקע שטילקייט געזעסן אין אַלע ווינקלען.

מיטאַמאָל זאָגט דער זיידע, אָננעמענדיק פעסט מײַן אָרעם :

— אַ ? ווען עס וואָלט געווען איצט זומער... אַזאַ ליכטי־קער זומערדיקער פרימאָרגן, (דערבײַ האָט ער זיך אויפגעשטעלט מיט אַ שטיל קרעכצל, שטיצנדיק זיך אין מײַן אָרעם) וואָלט מען איצט געכאַפּט אַזאַ פײַנעם שפּאַציר (דערבײַ, שוין שטייענ־דיק, אָנגעגרייפט מײַן אָרעם, ווי צום גיין, כּדי צו פאַרווישן זײַן אמתע כּוונה...) אָט אַזוי וואָלטן מיר בעגאַנגען.

איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר איז דאַן טרויעריק גע־וואָרן אויפן האַרץ.

איך האָב זיך מיט אים געזעגנט. בין אַרויס אויף דער גאַס. האַרבסט־רעגן האָט געשפּריצט. די וואָלקנס זענען געקראָכן איבער

די דעכער. די גאַז-לאַמטערן זענען געשטאַנען נאַסע, טרויעריקע און איין וואָרט האָט זיך אין מיר געפלאָנטערט:

זקנה.

די זקנה האָט אָנגעהויבן שולט זיין.

אין אַ פּאָר טאָג אַרום האָט זיך דער ויידע צוגעקילט און קראַנק געוואָרן.

ה.

אָנפאַנג שקיעה

געקומען איז עס אומגעריכט:

געזעסן איז דער זיידע בײַ זיין שרייב-טיש מיט אַ געבויגע-נעם קאָפּ איבער דעם גרויסן בויגן פּאַפּיר און געפּערלט זיינע קליינע אותיותלעך. געזעסן אָנגעשטרענגט מיט צונויפגעצויגענע הויטן אַרום די אויגן, וואָס האָבן אַזוי שאַרף געלויכטן בעתן שרייבן. — לעצטנס האָט ער געאַרבעט אַ סך און מיט אָנשטרענ-גונג — פּלוצלינג האָט ער זיך דערפילט נישט גוט און האָט אַ ציטער געטון, האָט ער איבערגעריסן זיין שרייבן און — נאָך דעם זעלבן טאָג, פאַרנאַכט, איז ער שוין געלעגן אין בעט.

מען האָט געבראַכט זיין דאָקטאָר און נאָך אַ דאָקטאָר און — דער זיידע האָט באַקומען אַ לייכטן פּאַראַליזש אויף דער רעכטער זייט. אַ פּאַראַליזש, וואָס קומט פון זקנה.

געווען איז עס אין ווינטער פון יאָר תרע"ו.

עטלעכע וואָכן איז דער זיידע נישט אַראָפּ פון בעט. געלעגן איז ער אומגעדולדיק און געהאַט פאַרדראָס אויף די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים געאָסרט דאָס רעדן.

איך דערמאָן זיך:

אינטער. דער פאַרנאַכט איז געווען פול מיט מרה שחורה. אין די הויכע צימערן פון זיידנס דירה האָב איך געטראָפן געפּרעסטע שטילקייט. פאַרגליווערטע ווינטער-זאָרג האָט אַריינגעקוקט דורך

די פענצטער. די טאָכטער. וואָס איז מיר אַנטקעגנגעקומען, האָט אַרויסגעשעפּטשעט:

— שטילער... אַ ביסל בעסער... אָבער ער טאָר קיין סך נישט רעדן.

מיט דער האַנט האָט זי אָנגעוויזן צו דער טיר פון צימער, אין וועלכן דער זיידע איז געלעגן.

אַ ווײַלע האָב איך זיך פאַרהאַלטן אין זיין קאַבינעט. מיין בליק איז צוגעפאַלן צום גרויסן טיש, וואָס איז איצט געשטאַנען אַן אויפגערוימטער און געוואָרט. ס'איז געווען אַזוי מאָדנע צו טרעפן דעם טיש אָן זיידן: די לעצטע צייט האָט דער זיידע נישט אָפּגעטרעטן כמעט פון אים.

איצט איז דער טיש אַליין און ער וואַרט.

איך בין שטיל אריין אין אַנדערן צימער. געטראָפן: טונקעלע שאָטנדיקע ווענט קוקן אויף מיר מיט אַזאַ בליק, ווי עס קוקן פרומע יידישע אויגן אין ווינטערדיקן שבת-פאַרנאַכט. אַ לאָמפּ האָט געברענט נישט איבעריק ליכטיק. דער זיידע איז געלעגן אַן אויסגעשטרעקטער, אַ שטייפער. די קאָלדרע, אויך אַ טונקעלע, האָט פאַרדעקט זיין גאַנצן גוף ביז אונטער דער גאָמבע מיטן שניי-ווייסן בערדל. אויפן קאָפּ — די זיידענע יאַרמולקע, די ליפּן — פאַרשלאָסן, די אויגן — פאַרמאַכט, די נאָז — שאַרף פאַרשפּיצט. סאַראַ טיפער צער פון אַ קראַנק קינד, וואָס בענקט צום דרויסן, אויסגעזען האָט: ער פירט עקשנותדיק מלחמה מיטן שר הזקנה, וויל זיך בשום אופן נישט אונטערגעבן.

האָט ער געהערט מיין אַריינקומען? ס'האָט פּיזיש ווי געטון: דער „העלדישער" זקן מיט קינדערישן צער אויפן פּנים... ער איז געלעגן ווי אַן אָדלער מיט איינגעשפּאַרטע פליגל, שטאַרקער ווילן צום לעבן האָט פון אים אַרויסגעבענקט. אָט אַזוי איז עס הערט זיך געדיכטער ריח פון שטאַרקן ווײַן...

— מאַמע!

אָט אַזוי האָט ער אַרויסגעזיפצט

— אוי, מאַמע!

אין זיפץ איז געווען הילפסלאָזיקייט, שטאַרקע עקשנות, נישט אונטערגעבן זיך.

ער האָט געעפנט די אויגן. אַ שמייכל פון זיכערקייט האָט פאַרנומען פּלַיצן אויף זיינע דינע ליפּן.

— וואָס מאַכט איר, זיידע?

— ד ע ר ו ו י י ל נאָך נישט אינגאַנצן גוט... ד ע ר ־ ו ו י י ל ליג איך און שווייג... אָבער איך בין שוין דאָ אויף דער וועלט... איך האָב גערעדט מיט מיין מאַמען אין חלום. אַלץ וועט גוט זיין. נישקשה: וואָס מיינט איר וואָס? מענדעלע איז „דאָרט“ סתם אַ יידל? הייבט זיך גאָרנישט אָן. מענדעלע איז „דאָרט“ אויך מ ע נ ד ע ל ע. אָבער: מען דאַרף שווייגן. דאָקטוירים הייסן שווייגן.

דער שמייכל האָט זיך צעלויכטן. די אויגן זיינע האָבן זיך אָנגעגאָסן מיט חכמה... דערנאָך:

— שווייגן. ס'איז נישט קיין מלאכה פאַר קיין יידן.

ווידער אָפּגעשוויגן אַ ווײַלע. אָבער זיך דאָך נישט געקאָנט איינהאַלטן:

— ס'איז אַ משונהדיקע אומה אָט די דאָקטוירים זענען... אַ דאָקטאָר, דאָס איז דיר אַזאַ מין באַשעפעניש, וואָס קאָן זיך אויסביטן דאָס טעלערל פון הימל. איי מען קאָן דאָך אַהין נישט פאַרלאַנגען? איז וואָס גייט עס אים אָן?! פאַרלאַנגען זיי פון מיר, פון מענדעלען — איך זאָל נישט רעדן, ווי אַזוי אָבער? דער קאָפּ איז פול מיט רעיונות. פאַר די אויגן מאַרשירן פאַרביי כלערליי פיינע מענטשעלעך, ליבהאַרציקע ברואימ'עך. איך זע זיי מיינע ליבע יידעלעך מיט אַלע זייערע טויזנט חנען און טעמים. מיט בערד און אָן בערד. מיט מומים און מיט יראת שמים־פּנימלעך, און איך ליג, קוק מיך צו צו זיי און — שרייבן קאָן איך נישט — און רעדן — הייסן די דאָקטוירים נישט! אדרבא: זיי אַ בריה און באַפעל דעם שטראָם ער זאָל אויפהערן שטראָמען! און בכלל: ווו און ווען איז עס געהערט געוואָרן פון בריאות העולם אָן, אַז אַ ייד זאָל שווייגן? אַ ייד האָט וועגן אַלץ וואָס צו זאָגן. אָבער שווייגן? — דאָס קאָן נאָר עשו...

און האָט זיך צעלאַכט מיט זיין קינדעריש געלעכטערל. איז אַלץ געלעגן אַזוי אויסגעשטרעקט און זיך נישט געקאָנט באַוועגן. מיטאַמאָל זיך צוריק פאַרטראַכט און ווידער אַרויסגעזיפצט:

— מאַמע!

און באַלד:

— וואָרט־צו. איר וועט זעען: גאָט וועט העלפן, איך וועל גאַר אַראָפּ פון געלעגער, וועל איך זיך נעמען צו דער פען, אַז פונקען וועלן שפּריצן.

געזאָגט האָט ער עס מיט אַ זיכערקייט, ווי עס וואָלט בכלל אַנדערש נישט געקאָנט זיין. וואָרים: ווי איז שייך? אויף אים וואַרט זיין פען. דער חשק צו אַרבעטן ברענט אין אַלע גלידער. ער מוז דאָך געזונט ווערן.

די זיכערקייט. זיין עקשנות. זיין הייסער ווילן — ס'האָט געהאָלפן אויף דערווייל. ער איז אינגיכן געקומען צו זיך. האָט זיך שוין געקאָנט אויפזעצן.

ער איז געוואָרן באַ זיך תקיפער: ער האָט מנצח געווען. מילא, פון בעט איז ער נאָך נישט אויפגעשטאַנען, אָבער די דאָקטוירים האָט ער שוין נישט געפאָלגט, ער איז געלעגן, געזעסן און גערעדט.

און אַזוי רעדנדיק האָט ער איינמאָל דערציילט:

— וויסן זאָלט איר, אַז נישקשה: מיר האָבן אַ גרויסן גאָט און מענדעלע איז באַ אים אַ גאַנצער מיוחס... ס'איז זיין מענדעלע פונקט ווי אייער מענדעלע... ווען איך בין נישט היינט געדאַכט געלעגן פאַרטייעט און געהאַלטן פאַרמאַכט די אויגן, איז מיר איינמאָל געוואָרן זייער ביטער. האָט זיך דער רבונו של עולם בכבודו ובעצמו אַליין זיך באַוויזן צו מיר און איך האָב מיט אים גערעדט פה אל פה. איך האָב זיך מיט אים אויסגעטענהט, ווי אַ זון וואָס קלאָגט זיך פאַר זיין פאָטער. האָב איך פאַר אים אויסגעגאָסן דאָס גאַנצע האַרץ מיינס און איצט בין איך בטוח, אַז ער וועט מיר שוין אינגאַנצן העלפן... וועל איך מיט זיין הילף אינגיכן אויפשטיין פון בעט און מיר וועלן טאַקע פייערן מיינע „אימעניגעס" אַזוי מיט קנאַק, ביד רחבה, ווי עס באַדאַרף צו זיין.

איז דערביי געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט און ער האָט געזאָגט צו דער באָבען:

— פעסעניו! זאָלסט אָנגרייטן אַ גרויסע סעודה! אָבער די אמתע סעודה מיט די אמתע מטעמים!

און ווירקלעך: דער זיידע האָט גובר געווען. ער איז אויפגעשטאַנען פון בעט. אָבער — די זקנה האָט שוין שליטה באַקומען. ער איז שוין נישט געווען דער, וואָס פריער. —

שרייבן האָט ער שוין נישט געקאָנט. די האַנט האָט פשוט נישט געפאָלגט. אַ שטיקל צייט האָט ער עס געהאַלטן בסוד. ער האָט זיך נאָך פּרובירט, נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן. האָט זיך אָנגעשטרענגט און זיך געוואָלט איבערשטאַרקן. ער האָט דעמאָלט געוואָלט שרייבן אַ זאַך. ער האָט אָנגעהויבן. זי האָט געזאָלט הייסן: „בענקשאַפט". האָט ער פּרובירט, מיט גרויס שוועריקייט אויפגעשריבן די ערשטע שורות און זיך אַליין דערשראָקן: די שורות זענען אַרויס קרום, די אותיות — נישט געצירקלט. ער האָט זיין כתב נישט דערקענט. די האַנט האָט געציטערט. און ער האָט דעם בויגן פּאַפּיר מיט די פּאָר שורות באַהאַלטן. מער האָט ער שוין טאַקע נישט געשריבן.

די שקיעה האָט זיך געהאַט אָנגעפאַנגען.

ער איז געוואָרן קאַפּריזנער, האָט אָנגעוווירן דאָס געדולד און פלעגט אָפט פאַרזינקען אין מחשבות. מען האָט עס דערקענט אין זיינע צונויפגעפרעסטע ליפּן. אין זיין קוקן אויף איין פּונקט. איצט האָט שוין געטראָפן, אַז ער פלעגט בלייבן זיצן און שווייגן. דאָס, וואָס עס פלעגט קיינמאָל נישט זיין: שטענדיק האָבן אַלע געמוזט שווייגן און בלויז הערן וואָס ער רעדט. איצט האָט ער שוין געקאָנט שווייגן. אויסהערן, וואָס אַנדערע רעדן, נאָר דערביי האָט ער אָפט געקוקט אין פענצטער, ווי ער וואָלט בעת מעשה טראַכטן פון עפּעס אַנדערש, פון עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר ער אַליין ווייסט...

ווייזט אויס: מחשבות פון זקנה און טויט, האָבן אים אָנגעהויבן פייניקן. האָט ער פון דעם געטראַכט פאַר־זיך, בחשאי, פאַרשלאָסן. גערעדט האָט ער נאָך אַלץ נישט פון דעם. ער פלעגט

דערפאַר צייטנווייז שוין ווערן אויפגערעגט, בייז, אַ סך מאָל — אפילו איבער דער גרענעץ...

בטבע איז מענדעלע געווען דאָס, וואָס מען רופט, אַ בייזער. אַז מען האָט פוגע געווען דאָס, וואָס אים איז געווען הייליק און טייער — איז געווען אַ שרעק. האָט ער זיך פשוט אויפגעקאָכט, אָבער אַלץ ביז אַ גרענעץ. אַזוי למשל האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון „דאַמענערע". בנוגע אַ פרוי, איז ער געווען אַ סך מילדער. פלעגט אַמאָל אַראָפּשלינגען דעם פאַרדראָס און מיט אַזאַ מינע:

„מילא, זאָל מיינס איבערגיין. עס איז דאָך אַ פרוי..."
איצט אָבער האָט ער נישט געקאָנט „אַראָפּשלונגען"
איך געדענק אַזאַ פאַל פון יענעם ווינטער:

ס'איז געווען שבת אינדערפרי. אינדרויסן איז געלעגן אַ שניי. אַ ליכטיקער, אַ רויקער. אין פענצטער איז געשטאַנען ווייסקייט. אין דער ליידיקייט האָבן זיך געלאָזן געדרייט שניי־פליטערלעך ווי רייבע פעדערלעך. איז דער זיידע געזעסן בײַ זיין שרייב־טיש. אַרום דעם טיש עטלעכע פון זיינע מקורבים. ער איז געווען אויפגעלייגטער. האָט נאָך אַלץ נישט אויסגעגעבן דעם סוד, אַז די האַנט וויל נישט פאָלגן און שרייבן. איז געווען זיכער, אַז די האַנט וועט זיך אונטערגעבן. און ער האָט גערעדט וועגן אַרבעטן.

— זאָל נאָר אַ שיין געבן גאָטס וואַרימע זון. זאָל נאָר ווערן זומער אויף דער וועלט און איך וועל זיך נעמען צו דער אַרבעט מיט פייער און פלאַם: סך הכל האַלט איך דאָך נאָך בײַ „בראשית". ערשט איצט דערמאַן איך זיך אַזויפיל זאַכן, וואָס איך האָב זיי ביז אַהער געהאַט אַרויסגעלאָזט פון זינען. און די אַלע פּאַסירונגען שטייען פאַר מיר מיט אויסגעשטרעקטע הענט און בעטן זיך רחמים. מענדעלע, באַשרייב אונדז! אדרבה: זאָלן מיר צוריק מגולגל ווערן אויף דער וועלט און זאָלן מענטשן אויף אונדז קוקן און זיך קוויקן. אַ שפּאַס צו זאָגן וויפיל אַרבעט איך האָב נאָך?! אָט שטייען זיי אין דער רייע: חסידים, אנשי־מעשה, יראים ושלמים און אַלע טענהען: מענדעלע, פאַרוואָס האָסטו פאַרגעסן אָן אונדז? ווּ איז יושר? ווּ איז גערעכטיקייט? און זיי זענען דאָך גע־

דערכט אויך: איך קאָן זיי דאָך גוט די גאַסט-פּאַרכטיקע לייט און אייס זייערע אַלע תנועות און העוית. איי קאָן איך זיי די חסידים! און ביזן היינטיקן טאָג האָב איך זיי נאָך נישט מתקן געווען... און זייערע נשמות מאָנען אַ תיקון. איצט: שבתים, ימים-טובים, תעניתים און נאָך אַזעלכע יום-טובלעך און האַלבע יום-טובלעך, זיי וואַרטן אַלע אויף זייער רייע. איך האָב זיך שוין געהאַט גענומען צו די לעצטע. נאָר אין מיטן מפסיק געווען... עוד המלאכה מרובה... אָן אַ שיעור אַרבעט.

און אַזוי רעדנדיק, דערמאָנט ער זיך אין זומער, אָן ליכטיקער זון, אָן גרינע פעלדער און אַ שמייכל צעשיינט זיך אויף זיינע ליפּן. דאָס פּנים ווערט אים ליכטיק:

— איי גוט! איי גוט! אַז די זון גיט זיך אַ גיי אַרויס פון איר פוטערפאַס, די פייגעלעך צעזינגען זיך. די גראָזן צעגרינען זיך און די ביימער צעשאָקלען זיך, אָנגעטאָן אין גרינע קיטלען, און יעדעס בלעטעלע פלאַטערט און ציטערט. און יעדעס גרעזעלע שטרעקט זיך, און בוקעטן בלומען ווינקען און מאַכן אייגעלעך. מען קאָן דאָך ממש אויפסניי געבוירן ווערן. און נישט מען קאָן, נאָר מען ווערט טאַקע.

אין די רייד איז געווען אַ הימן. אַ געזאַנג, וואָס דער זיידע האָט געזונגען צו זון און פעלד; אין די רייד איז געווען זיין פאַרבאָרגענע גרויסע האָפנונג: „אויפסניי געבוירן ווערן". מיט גרויס ליבשאַפט, מיט קינדערישער אַנטציקונג, האָט ער גענומען באַמאָלן דעם זוניקן זומער-טאָג. אָט שטייט אַ פעלד מיט תבואה. עס וואַקסן די שלאַנקע קאָרנס. די צעיחוסטע ווייצן און די באַבערדלטע גערשטן. און אַרום זיי — פליגן און היישעריקן. וואָס זומזען, רעשן און „האָלוביען" זיך... די רייד האָט דער זיידע באַגלייט מיט העוויות און פלאַסטישע באַוועגונגען.

דערווייל קלאַפּט מען אָן אין טיר.

אַריינגעקומען איז אַ יונגע דאַמע. זי האָט עפּעס אַ בקשה צום זיידן.

— זיצט. זייט אַזוי גוט און זעצט זיך.

זעצט זיך די דאַמע. אַליין איז זי טאַקע פון אַדעס. נאָר קומען

קומט זי איצט פון פעטראָגראַד און מאָסקווע. זי איז אַן אינסטרוק־טאָרשע פון דער „געזעלשאַפט פאַר יידישער פאָלקס־מוזיק“. קומט זי אַהער קיין אָדעס, צו גרינדן דאָ אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט.

זי רעדט. דערציילט און דער יידע זיצט שטיל מיט זיינע קלוגע, שאַרפע אויגן און פאַרשנורעטע ליפּן. עס שפּילט נאָך אין אים די פריילעכקייט פון זומער־טאָג, פון וועלכן ער האָט נאָר וואָס גערעדט און צו דער זעלבער צייט איז פאַראַן אין אים אַ ביסל פאַרדראָס, אַלמאַי מען האָט אים איבערגעריסן.

— איז וואָס־זשע האָט עס צו מיר, אָט די געזעלשאַפט?

די פרוי שמייכלט אַ ביסל אין פאַרלעגנהייט:

— די זאַך איז אַזוי: כדי צו גרינדן דאָ אַן אָפּטיילונג פון דער געזעלשאַפט, דאַרף מען האָבן, אַז די ערשטע מיטגלידער זאָלן זיין אָנגעזעענע מענטשן.

דער יידע נעמט זי אויפן „פאַרהער“:

— וואָס אַזוינס וועט די געזעלשאַפט אויפטון?

— זי וועט גרינדן אַ כאָר, וועט מאַכן קאָנצערטן פון יידי־שער מוזיק.

— אַז איך קען אָבער נישט זינגען? איר מעגט מיר גלייבן, איך האָב אַ שטימע ווי אַ שטייגער עס סקריפּעט אַ טיר. איז וואָס־זשע וועט איר מאַכן מיט אַזאַ וואַזשנעם משורר ווי איך בין?

— איר דאַרפט נישט זינגען. איר דאַרפט בלויז זיין אַ מיט־גליד. אַנדערע וועלן זינגען.

— אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך וועט מען עס זינגען?

— אויף זשאַרגאָן. אויף פּשוטן זשאַרגאָן!

דעם יידנס פּנים האָט אַ צוק געטון פון בייזקייט. און ער פרעגט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַכע?

— וואָס הייסט? — פאַרוואונדערט זיך די דאַמע. — איך זאָג דאָך אייך זשאַרגאָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מין לשון? דאָס ערשטע מאָל, אַז איך הער פון אַזאַ לשון. זשאַרגאָן? וואָס איז דאָס אַזוינס?

דער זיידע איז שטאַרק בייז. זיינע אויגן זענען צע־צינדן.

די פרוי איז שוין גאָר צעטומלט:

— וואָס מיינט איר? אָט רעדן מיר דאָך זשאַרגאָן.

— וואָס? איך רעד מיט אייך זשאַרגאָן? זייט אַזוי גוט! פאַר וועמען האַלט איר מיך? פאַר אַ גנב? אַ טך האָב איך בײַ אייך געגנבעט? האַ? איר האָט מיך געכאַפּט בײַ אַ גנבה? מיר האָבן בשותפותע גנבות? האַ? וואָס מיינט איר מיט זיך?

די דאַמע איז געוואָרן נישט טויט, נישט לעבעדיק. זי האָט אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן. דאָס גאַנצע פּנים איז איר גע־וואָרן איין פלאַם. זי האָט געקוקט הילפלאָז, נישט געוווסט, וואָס דאָ טוט זיך.

דער זיידע איז אויפגערעגט:

— גנבים רעדן אויף זייערס אַ זשאַרגאָן! מאַרוויכער האָבן אַ זשאַרגאָן! איז וואָס זשע? בין איך, הייסט עס, אַ גנב? אַ מאַר־וויכער? ווילט איר: איך זאָל ווערן אַ מיטגליד אין אייער „זשאַר־גאָנישער“ געזעלשאַפט? ניין! איך האָב מיט אַזעלכע לייט נישט צו טון! זייט וויסן: איך בין נישט קיין „זשאַרגאָני“ נאָר אַ ייד און איך רעד יידיש, איר הערט וואָס מען רעדט צו אייך? — יידיש!

ערשט איצט האָט זיך די פרוי געכאַפּט און זיך גענומען פאַרענטפערן: זי האָט גאָרנישט געמיינט. זי איז פון אַדעס. איז זי פשוט אַזוי געוווינט צו זאָגן. מסתם האָט זי געהאַט אַ שטיקל שייכות מיט אַדעסער ציוניסטן... אָבער עס האָט נישט געהאָלפן קיין פאַרענטפערן, דער זיידע האָט זיך נישט באַרויקט: ער וויל נישט וויסן פון דער געזעלשאַפט. אַז מען גייט אַרום זאַמלען מיט־גלידער פאַר אַ געזעלשאַפט פון „יידישער פאָלקס־מוזיק“, דאַרף מען וויסן וואָס מען רעדט.

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די פרוי איז אַוועק אַ פאַר־שעמטע. קיין מיטגליד איז דער זיידע נישט געוואָרן.

— געהערט אַ חוצפה! קומט צו מיר אין שטוב אַריין און מאַכט מיך פאַר אַ גנב! אַ מאַרוויכער!

— אָבער, זיידע, זי האָט דאָך גאָר קיין שלעכטס נישט גע־מיינט?

— איז מזל־טוב! אַבי זי האָט „גוט" געזאָגט! אַזעלכע דאַרפֿן נישט האָבן צו טון מיט יידישע געזעלשאַפֿטן. זאָל זי גיין צו אוסישקינען.

מיר האָבן זיך געוווּנדערט: שטענדיק האָט דער זיידע אַ סך פּאַרקוקט, ווען דאָס איז געווען בנוגע אַ פּרוי... ער פֿלעגט מוותר זיין.

דער זיידע איז נאָכדעם מיד געוואָרן, ווי נאָך שווערער אַר־בעט. איז געבליבן זיצן שווייגנדיק און געקוקט אין פֿענצטער, משמעות: ער אַליין האָט איצט אַ טראַכט געטון וועגן דעם, וואָס ער האָט נישט געקאָנט באַהערשן זיין כּעס און האָט די פּרוי ממש פֿון הויז אַרויסגעטריבן.

ער האָט אָפּגעזיפֿצט און געזאָגט:

— דער ווינטער מיט די קעלטן און מיט דעם פֿאַראומערטן פּנים דערקוטשעט מיר שטאַרק די יאָרן... ווי דערלעבט מען שוין דעם זומער...

— נישקשה: דער זומער וועט אויך קומען.

— איי זומער... וועל איך זיין אַ נעם טון צו דער אַר־בעט...

ער האָט נאָך אַלץ נישט אַרויסגעזאָגט, אַז די האַנט וויל נישט שרייבן. געהאָפֿט האָט ער, אַז זומער וועט ער צוריק ווערן דאָס, וואָס ער איז געווען, און דאַן — וועט מען אַפֿילו נישט וויסן, אַז ווינטער האָט ער נישט געקאָנט שרייבן...

דער זיידע האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן, האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט אָנערקענען די זקנה...

ו.

א ייד גיט זיך אן עצה...

אָדעס איז דעם ווינטער געווען אַן עיר מקלט פאַר יידישע און העברעישע שריפטשטעלער. ס'איז געווען די צייט, ווען אין דעמאָלטיקן רוסלאַנד איז געווען דער פאַקטישער מושל דער באַוווסטער צורר היהודים ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש. און יידן זענען געטריבן געוואָרן פון אַלע זייטן. זענען שריפטשטעלער ווי אָפּגעריסענע בלעטער געטריבן געוואָרן איבער די קאַלטע ווייטע וועגן און זיך צונויפגעזאַמלט אין אָדעס. אָבער אויך אין אָדעס איז געווען „פינצטער". ס'איז אַרויס אַ באַפעל, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דאָס דערשיינען פון יידישע צייטונגען, וואָס האָט נישט דערלאָזט דאָס דערשיינען פון יידישע אָדער העברעישע ביכער און פאַרווערט צורעדן אויף פאַרזאַמלונגען יידיש אָדער העברעיש. האָט מען געדאַרפט איינאָרדנען אַ ליטעראַרישן אָוונט — האָט מען זיך געמוזט קליגן און דורכפירן דעם אָוונט אויף — רוסיש.

קיין אַנדערע ברירה איז נישט געווען.

מען האָט איינגעאָרדנט אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט. דאָס איז געווען לכבוד פרישמאַנען. איז ווי אַזוי טוט מען עס? האָט מען זיך געקליגט: פרישמאַנס אַ זאַך האָט מען איבערזעצט אויף רוסיש. ח. נ. ביאַליק האָט דאַן געהאַט אָנגעשריבן זיין עסיי „הלכה ואגדה", האָט מען עס איבערגעזעצט אויף רוסיש און ביאַליק האָט

געליינט פון מאַנוסקריפּט „גאַלאַכא אי גאַגאַדאַ". און פרישמאַן האָט זיך געבראָכן די צונג צו לייענען זיין „רוסישע" זאַך.

קיין איבעריק גרויסער רוס איז ביאַליק אויך נישט געווען. ווארים: סך הכל איז ער געבוירן געוואָרן אין אַ דאָרף אין וואָלין. אויסגעוואַקסן אין ק"ק זשיטאָמיר און זיך דערצויגן אין וואָלאָזשינער ישיבה. קיין גימנאַזיע האָט ער נישט דורכגעמאַכט, און רוסישקייט נישט געווען דורכגעווייקט.

מילא, האָט ער געלייענט ווי ער האָט געלייענט. יידן האָבן אויסגעהערט און געשאָקלט מיט די קעפּ. איז מען געווען טרויעריק און געקלאַפּט בראַוואָ כמנהג ישראל. בכלל איז דער אָוונט געווען עפּעס אַזוי מאָדנע. אי די לייענער, אי דער עולם — ווי די אניסים האָבן זיי אויסגעזען.

דער זיידע מענדעלע איז אויף דעם אָוונט נישט געווען. מען האָט אים אפילו נישט מודיע געווען, אַז ס'וועט זיין אַזאַ אָוונט. געטון האָט מען עס מכמה טעמים: איינמאָל — פאָרגעקומען איז עס גלייך נאָכדעם ווי דער זיידע איז אַראָפּ פון בעט און אָנגעהויבן קומען צו זיך. האָט מען מורא געהאַט ער זאָל אַרויסגיין פון הויז.

צווייטנס — ס'איז געווען זייער קאַלט, אַ פראָסט מיט אַ שניי און גלאַט אַ שטאַרקער צפון-ווינט האָט געריסן די דעכער און ס'איז געווען גלייכער דער זיידע זאָל זיצן אין הויז. דריטנס — עפּעס האָט מען זיך געשעמט פאַרן זיידן מיט דער גרויסער „ערמה", וואָס אַ יידישער אָוונט ווערט געמאַכט אויף רוסיש.

סיי ווי סיי — מען האָט אים נישט אויסגעזאָגט און זאָל דער זיידע נישט האָבן קיין עגמת-נפש.

מילא, דער אָוונט איז פאָרגעקומען. יידן האָבן אַראָפּגעשלונגען דעם „רוסיש" און זיך געפילט דערשלאָגן. און אפשר נישט אַלע יידן. עס זענען דאָך געווען דאָרט אויך אַ טייל „אַ ד ע ס ע ר ציונים"...

שבת בין איך געקומען צום זיידן. כ'האָב אים געטראָפן אין זיין קאַבינעט. געזעסן איז ער באַם טיש. אַ קלאָרער, אַ ריינער. האָט אויסגעזען שבתדיק, מגוחהדיק. ער איז געזעסן און געבלע-

טערט דעם תנ"ך. דער זיידע איז געווען שטאַרק פאַרליבט אין תנ"ך. ער האָט אפילו געהאַט ספּעציעלע קאַפּיטלעך תהילים, וועל־כע ער פלעגט אָפט זאָגן מיט אַ זינגענדיק קול. דעמאָלט האָט זיך דער זיידע געהאַט שטאַרק פאַרליבט אין קאַפּיטל מ"ב, וואָס הייבט זיך אָן:

„כאיל תערג על־עיקי־מים, כן נפשי תערג עליך אלהים".

— גוט שבת, זיידע.

— גוט שבת, גוט יאָר. דאָס זענט איר? — האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ מיט די ווייס־בלוילעכע האָר — זעצט אייך.

זעץ איך זיך:

— ווי פילט איר זיך זיידע?

— גאַנץ גוט. איך האָב פריער געוווסט.. נישקשה, דער רבונו של עולם וועט נישט פאַרלאָזן זיין מענדעלען. איך וואַרט באַר אויף זומער — און עס וועט שוין זיין גאַר גוט.

האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט:

— אַ מענטש, איידער ער ווערט קראַנק אויפן גוף, ווערט ער פריער קראַנק אויף דער נשמה. אַנדערש קאָן עס נישט זיין. די נשמה איז דער „אב" און דער גוף — די „תולדה". ווערט די נשמה קראַנק אויף דעם און דעם אָרט, ווערט דערנאָך אויך קראַנק דער אבר פון גוף, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אָרט... און קוים ווערט געהיילט די נשמה, ווערט באַלד דער גוף אויך גע־נעזן...

דערביי האָלט ער מיט ביידע הענט דאָס תנ"כל און שמייכלט אַלץ מיט זיכערקייט:

— זעט איר? אין אָט דעם תנ"כל האָב איך אָן אייגן אַפּטייקל. אין דעם אַפּטייקל זענען דאָ רפואות צו אַלע וויטיקן, שלעק און אָנשיקעניש. איר ווייסט וואָס איך מיין? איך מיין דעם ספר תהילים. אין דעם אַפּטייקל האָב איך געפונען מיין רפואה...

לייגט אוועק דאָס תנ"כל און נעמט אַרויס פון שיפלאַד אַ בויגן פאַפּיר.

— רוקט זיך צו, וועט איר עפּעס זען.

איך רוק זיך צו. אויפן בויגן פּאַפּיר זענען אויסגעשטעלט גלייכע שורהלעך, איינס אונטערן אַנדערן. זעען אויס ווי שנירלעך קליינע, גלייכע, רונדע פּערעלעך.

— דאָס האָב איך אָנגעשריבן, נאָך איידער איך בין קראַנק געוואָרן... נו, לייענט... ניין, נישט אַזוי... אויף אַ קול.

איך נעם לייענען. ס'איז אַן איבערזעצונג פון קאַפּיטל מ"ב אין תהילים.

איבערזעצט איז עס מיט אַ גראַם. און ווי מענדעלעס גראַמען: „האַרץ" „שמאַרץ".

שמייכל איך: צווואָס נאָך די גראַמען?

ווערט דער זיידע בייז:

— וואָס איז? עס געפעלן אייך נישט מיינע גראַמען? ביאַליק קאָן בעסער?

— כ'מיין אַזוי... ביאַליק איז דאָך אַ משורר. און איר, אַ פּראַזאַיקער. צווואָס דאַרפט איר בכלל די גראַמען?

— אַזוי!... ער קאָן בעסער! געהערט אַ ביסל?! ווער האָט עס אייך איינגערעדט, ווער? האַ? אַז ס'הייבט זיך גאָרנישט אָן! איך קאָן אויך אַזוי גראַמען ווי ביאַליק!

שמייכל איך שוין און שווייג אָפּ.

פאַרטראַכט זיך דערווייל דער זיידע. שפּאַרט אונטער מיט דער רעכטער האַנט דעם קאָפּ און פאַרקוקט זיך דורך דעם פענצטער אין ווינטערדיק-פאַרגליווערטן דרויסן אַרויס.

מיטאַמאָל גיט ער אַ פרעג:

— וואָס האָב איך עפּעס געהערט? ביאַליק האָט געלייענט — ווי הייסט עס דאָרט — אַ רעפעראַט?

— יאָ.

— וואָס האָט ער געלייענט, וואָס?

— ער האָט געלייענט זיינס אַן עסיי „הלכה ואגדה"

— אויף וואָס פאַר אַ שפּראַכע?

— אויף רוסיש.

— אַזוי... אויף רוסיש... דער אמתער רוס...

— איר ווייסט דאָך: אויף יידיש אָדער העברעיש טאָר מען דאָך נישט?

— טאָ לייענט מען נישט! וואָס איז? דער חכם האָט אים געשטופּט?

אַ ווײַלע שווײַגט דער זיידע. דערנאָך הייבט אָן שפּראָצן אַ שמייכעלע אויף זיינע ליפּן און אונטער די אויגן. די אויגן אַליין ווערן פאַרשפּיצטער, שאַרפער, די ליפּן נעמען זיך צעברייטערן און ער צעלאַכט זיך מיט זיין דין געלעכטערל. הייבט גלייך אָן:

— ס'אַר אַ מאָדנע אומה ס'איז דאָס יידישע פאָלק. ס'איז געראָטן אין מענדעלען, וויל בשום אופן נישט שטומען. דאַכט זיך: אָפּגענומען דאָס לשון. אָנגעטון אַ ציימל אויף דער „קליאַטשע" און מען טרייסלט מיט אַ בייטש: אויב דו רעדסט אַרויס אַ וואָרט — איז גלייך קאַטאָרגע! פונדעסטוועגן — עהע! אַ ייד וועט זיך נישט איינהאַלטן! אַ ייד וועסטו דאָס מויל נישט פאַרמאַכן! ער וועט דיר שוין געפינען כלערליי תחבולות און וועט שוין רעדן!

פאַרשטייט איר מיך: שוין ימים ושנים ווי מען איז זיך מפלפל און עס איז אַ גרויס שפּאַרעניש בא די חכמי-ישראל: (מיט אַ גמרא-ניגון) דורך וועלכן נאָלעכל איז אַ ייד מחויב צו אָטעמען? זאָגט איין מאַן-דאַמר פון לינקס: אך ירק — דורכן לינקן נאָזלעכל — אויף י י ד י ש! קומט דער צווייטער און זאָגט: לאַ-כּי. בשום אופן נישט. אַ ייד איז מחויב און דאַרף אָטעמען דווקא און בלויז דורך דעם רעכטן נאָזלעכל — אויף ה ע ב ר ע י ש! אַז אַ מענטש דאַרף און קאָן אָטעמען דורך ביידע נאָזלעכלעך, דאָס פאַלט אונזערע חכמים גאָרנישט איין, דאָס איז דאָך צו פּשוט. אָן חכמות. און פּשוט — איז נישט מעשה ייד. וואָרים: יידן זענען דאָך גרויסע חכמים, מיניסטער-קעפּ, געוואַלדיקע מוחות, גאונים, דרשנים, לומדים און פּלפּולניקעס. וואָס-זשע טוט דער שונא ישראל? ער קומט און איז גוזר — סטאָפּ! אַ ייד טאָר אַ גאַנצן נישט אָטעמען! פאַרשטאָפּט ער ביידע נאָזלעכלעך און מיינט, אַז ער איז שוין פאַרטיק, אַז ער האָט שוין געפּועלט. הייבט זיך עס אָבער נישט אָן, ער קאָן נישט דאָס פאָלק ישראל: אַ ייד גיט זיך אָן

עצה. אַ ייד איז אַ בריה צו געפינען עצות. נעמט ער און אָטעמט דורכן פינגער. אויף בערדיטשעווער רוסיש!

און זיך ווידער צעלאַכט מיט זיין יונג קולכל. אַז עס האָט זיך געדאַכט אַ קאָנאַרעק, אָדער ווי דער זיידע האָט עס גערופן אַ „סאָלאָוויי" — האָט זיך צעשפּילט.

— איר שפּילט זיך מיט אונזערע יידעלעך: וואָס, וואָס, אָבער עצות געפינען זיי שוין.

דער זיידע איז געוואָרן גאָר לעבעדיק, אויפגעלייגט. די אויגן האָבן זיך צעשפּילט און ער האָט גלייך דערציילט אַ מעשה שהיה, ווי אַזוי אַ ייד אַ באַרדיטשעווער האָט זיך אַן עצה געגעבן:

— יצחק-יאָסל דער דרדקי-מלמד. אַזוי האָט ער געהייסן און אַזוי האָט מען אים גערופן צווישן יידן. דער נאָמען אַליין, דאַרפט איר וויסן, האָט שוין עפּעס וואָס צו זאָגן: יצחק-יאָסל? עפּעס אַ נאָמען, האַ? איצט דאַרפט איר פאַרשטיין און משיג זיין, וואָס מען מיינט אַ דרדקי-מלמד פון יענער צייט. דאָס איז געווען אַ באַזונדער מין באַשעפעניש, גאַרנישט גלייך צו אַלע מענטשן. אַ קליינס, אַן איינגעדאַרטס, האָט נישט געוווּסט קיין צורת מטבעה און בכלל נישט געהאַלטן, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן נאָך פעלקער אַ חוץ דעם פאָלק ישראל... איצט דאַרפט איר נאָך האָבן אַ באַגריף, וואָס דאָס הייסט אַזוינס אַ באַרדיטשעווער פרומער ייד. אַ באַרדיטשעווער פרומער ייד — זאת אומרת — וועט דיר נישט מפסיק זיין אינמיטן דאַווענען, אפילו ווען די גאַנצע שטוב איז אַרומגעכאַפּט פון אַ פייער. ער וועט דיר נישט גיין בגלי-ראש, אפילו ווען דאָס זאָל האַלטן באַ סכנת נפשות. איצט — צאַ ולמד: נעמט און רעכנט צוזאַמען: אי יצחק-יאָסל, אי אַ דרדקי-מלמד, אי אַ באַרדיטשעווער, אי אַ פרומער ייד. און אַזאַ מין בריה באַקומט פּלוצלינג אַ „פּאָוויעסטקע" ער זאָל קומען אין „סאָנד" (געריכט) און דאָרט עדות זאָגן וועגן עפּעס אַ משפּט איבער אַ קעלבל, וואָס צוויי שכנים לאָדן זיך.

איז יצחק-יאָסל טאַקע געווען אַ שרוי בצער: מילא דאָס, וואָס ער קאָן נישט דברן קיין גוייש — דאָס איז ער אייך מוחל.

וואָרים אדרבה: ווו אין דער תורה שטייט עס געשריבן, אַז אַ ייד דאַרף קאָנען גוייש? צווייטנס ווידער: ווער זאָגט עס, אַז ער קאָן נישט? ער קאָן טאַקע יאָ. וואָרים וואָס? אַ גרויסע חכמה איז עס? וואָס מ׳שטיינסגעזאָגט פּאַר אַ חכמה שטעקט אין דעם, וואָס אַפילו אַ פּשוטער ערל, אַ בהמה בן פּערד, וואָס פּאַר אַ שטיקל חלה, נעמט ער שבת אַראָפּ די לייכטער און הייצט איין די הרובע — קאָן עס? איז עס אַ גרויסע קונץ? אלא וואָס דען? — אין סאַנד דאַרף מען דאָך שטיין אָן אַ היטל. איז ווי אַזוי זשע? מען טאָר דאָך נישט?

קלערט ער אין טראַכט, יצחק־יאָסל, בּרעכט זיך דעם קאָפּ און נישקשה: ער וועט שוין געפינען אַן עצה. ווייל אויף עצות, זענען יידן די גרעסטע בריות אין דער וועלט. וואָרים אדרבה: געפינט מיר אויס איין ייד, וואָס זאָל נישט קאָנען געבן קיין עצה? ווייזט מיר אדרבה איין ייד, וואָס זאָל נישט האָבן קיין מיניסטע־רישן קאָפּ? גייט אריין צו אַ ייד און קלאָגט זיך פּאַר אים, אַז איר מיט ווייב און קינדער גייען אויס פון הונגער. וואָס זשע מיינט איר וועט ער טון? ער וועט נעמען, ווי אַן ערל, להבדיל, און וועט דיר אויסלייען געלט אָדער געבן אַ ברויט? חלילה. וואָרים: וואָס וועט זיין דערפון דער תכלית? און אַ ייד אָן אַ תכלית, איז דאָך ווי אַ פיש אָן וואַסער. נאָר וואָס דען? ער וועט דיר באַלד געבן אַן עצה, אַ טייערע עצה, אַ וואַזשנע עצה, און ער וועט עס דיר תיכף מסביר זיין מיט אַזאַ אימפּעט, וועט דיר אָפּמאָלן דאָס גליק, וואָס דיר שטייט־פּאַר, אַזוי, אַז די סלינע וועט דיר איבערגייען... וואָ־רים: אַ ייד איז אַ חכם. אַ ייד קאָן תכסיסי מלחמה, קאָן זיין אַ שר צבא, אַ יועץ למלכות, אַ שני למלך. איז וואָס זשע? וועט יצחק־יאָסל נישט געפינען קיין עצה צו אַזאַ קליינ־קייט?

און כך הוה:

יצחק־יאָסל איז געפאַלן אויף אַ פּאַרטל: איידער ער איז אַריין אין סאַנד, האָט ער אַרויסגעשלעפּט די פּאַטשיילע פון קע־שענע. און איר דאַרפט וויסן, אַז יצחק־יאָסל האָט נישט געהאַלטן פון עפּעס אַ טאַשן־טיכל, וואָס איז גרויס ווי אַ גענעץ. ער האָט

געהאַט אַ פּאַטשיילע, איז עס געווען אַ פּאַטשיילע. זי האָט אָנגעפילט זיין גאַנצע קעשענע. און אַ קעשענע האָט ער געהאַט אַגרויסע. וואָרים יצחק־יאָסלס פּאַטשיילע האָט אַ חוץ צו דער נאָז, נאָך געדינט צו אַ דבר מצווה: אָנשטאָט אַ גאַרטל. האָט ער אַרויסגעשלעפּט די פּאַטשיילע. אַ רויטע, מיט שוואַרצעביימער און געלע קווייטלעך, וואָס זענען שוין געווען פאַרגרינט פון טאַבעקע און נאָך אַזעלכע יידישע זאַכן... האָט ער זי צוזאַמענגעלייגט און זיך מיט איר אַרומגעבונדן דאָס בערדל מיט ביידע באַקן. עס הייסט: די ציין טוען אים וויי... האָט ער זי פאַרקניפּט אויפן קאָפּ מיט דעם אמתן גרויסן קניפּ און איבערגעלאָזט צוויי ברייטע שפּיצן, אַז זיי האָבן אים דעם גאַנצן קאָפּ פאַרדעקט.

און אָט אין אַזאַ מעמד האָט זיך יצחק־יאָסל באַוויזן פאַרן „סודיאַ" און האָט אָפּגענאַרט פּאָניען: פּאָניע האָט דאָך אוודאי געמיינט, אַז אַ ייד שטייט אין בלויזן קאָפּ — איז אַ פייג אים! טאַקע אָן אַ היטל, אָבער נישט בגלה הראש!

דער זיידע האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ שטעל־אויף. האָט געכאַפּט עפּעס אַ טישטיכל, האָט זיך געגעבן מיט דעם אַ בינד־אַרום דאָס בערדל מיט די באַקן און אַזוי קונציק, אַז דאָס בערדל איז געבליבן אויף דער גאָמבע ווי אַ ציגן בערדל. האָט געמאַכט אַ קניפּ אויפן קאָפּ און גענומען נאָכרעדן יצחק־יאָסלען, ווי ער רעדט און כאַפּט זיך אַלע ווײַלע פאַר דער באַק מיט אַ קרעכץ. ס'הייסט: די ציין לאָזן נישט רוען. מאַכט אַ גרימאַסע פון גרויס ווייטיק און רעדט ווייטער.

נאָכרעדן מענדעלעס יצחק־יאָסל, נעם איך זיך נישט אונטער. נאָר פאַר די אויגן איז מיר דאַן געשטאַנען אַ לעבעדיקער יצחק־יאָסל, אַ דרדקי־מלמד מק"ק באַרדיטשעוו מיט אַ לאַנגן האַלז און אַ קנאָפּ אין גאָרגל.

געדאַכט האָט זיך: דאָס האָט דער זיידע געזאָגט אַ שפּרונג און יצחק־יאָסל איז אַראָפּגעקומען פון עולם האמת און זיך דאָ אַוועקגעשטעלט פאַר מיר, ווי ער וואָלט געזאָגט:

— קוקט און זעט, ווי עס האָט אויסגעזען אַמאָל אַ באַרדי־

טשעווער דרדקי־מלמד, וואָס איז אַוועק אויפן עולם האמת און זיין גלייכן נישט געלאָזט אויפן עולם־השקר, ווו מען איז אַרויס לתרבות־רעה און פאַרגעסן אין פרומקייט.

און דער זיידע האָט אויסגעלאָזט:

— יצחק־יאָסל האָט אָפּגענאַרט און ביאַליק האָט אויך אָפּ־געגאַרט. יענער מיט אַ פּאַטשיילע, און דער מיט באַרדיטשעווער יוניש...

נישקשה: אַ ייד גיט זיך אַן עצה...

ז.

שקיעה־צייט

דער זומער איז אָנגעקומען אין לאַנד אַריין.

דער זיידע האָט זיך איבערגעצויגן אויף דער דאַטשע. האָט זיך באַזעצט אויף דער זיבעטער סטאַציע פון „גרויסן פאָנטאַן". האָט דערהערט דאָס רוישן פון שוואַרצן ים, דאָס סוויטשערן פון די פייגל און זשומען פון די פליגן. האָט דערזען די גרינע פעלדער און גערטנער און איז אויפגעלעבט געוואָרן. האָט ער גענומען אַרומשפּאַצירן אַלע פרימאָרגן ווידער אַן אויסגעשטרעקטער, אַ גלייכער, אַ שלאַנקער. אָבער:

דער פּאַראַליזש האָט איבערגעלאָזט זיין חותם אויף זיין רעכטער זייט. איז אים שוין שווער געווען צו גיין. דער רעכטער פוס פאָלגט נישט. עקשנט זיך... און ער שפּאַצירט פונדעסטוועגן; ליגט אויסגעצויגן אויפן גראָז און זעט אַלץ די זאַכן, וואָס בעטן זיך באַ אים אַ תּיקון: ער זעט די אַמאָליקע יידישע מנהגים, אַמאָליקע מענטשן. עס שטייט פאַר אים דאָס לעבן פון אַ פאַרגאַנגענער תּקופה... נאָר שרייבן קען ער אַלץ נישט: די האַנט פאָלגט נישט. דער חשק צו שרייבן איז אָבער גרויס. איז וואָס־זשע טוט מען? רופן עמעצן צו הילף? דאַרף מען דאָך דערציילן, אַז די האַנט פאָלגט נישט. און דאָס איז אים זייער שווער. בכלל האָט דער זיידע שטענדיק באַהאַלטן זיינע פיזישע חסרונות

אונטער זיבן שלייערן. ער האָט מורא געהאַט צו ווייזן דער זקנה, אַז ער גיט זיך אונטער. אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. זיין גרויסער ווילן צו אַרבעטן האָט גובר געווען. ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. און — איך בין גערופן געוואָרן פון אים, צו זיצן בײַ זיין טיש און שרייבן דאָס, וואָס ער וועט מיר דיקטירן.

צו יענער צייט איז ר׳ מענדעלע געוואָרן פרום. ער האָט זיך אין זיין פאַרצווייפלונג געווענדט צו גאָט נאָך הילף. ער האָט אָנגעהויבן דאַווענען דריי מאָל אַ טאָג. בענטשן נאָכן עסן. זיך אָנגעהויבן היטן פון עבירות. איז שטענדיק געווען אָדער אין היטל, אָדער אין אַ יאַרמולקע. ער האָט דאַן אָפט געזאָגט דאָס קאַפּיטל תהילים מ״ב, וואָס איך האָב שוין דערמאָנט: „כאיל תערג על אפיקי מים כן נפשי תערג אליך אלהים״. ס׳איז זייער כאַראַקטעריסטיש: נישט קיין סתם געבעט־קאַפּיטל ווי למשל: „מאין יבא עזרי״, ווייל דאָס וואָלט דאָך געהייסן, אַז ער אָנערקענט, אַז ער נייטיקט זיך אין הילף.

אָבער ער האָט סוף כל סוף אויסגעזאָגט, אַז ער נייטיקט זיך אין הילף. מיך גערופן צו זיך. און אַלץ — ווייל דער ווילן צו שרייבן איז געווען געוואַלדיק גרויס בײַ אים. וואָרים: נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער קערפּער איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט, וואָס די האַנט איז קראַנק געווען, האָט אָבער די זקנה דאָס געפיל נישט דערגרייכט, צום קאָפּ האָט די קראַנקייט קיין שליטה נישט געהאַט.

געוווינט האָב איך יענעם זומער אויף דער זעכצנטער סטאַנציע און געדאַרפט אַלע פרימאָרגן פאָרן צו אים אויף דער זיבעטער. פלעג איך קומען אַהין נישט איבעריק פרי. ערשט אַרום צען אַ זייגער.

איך פלעג אים שוין טרעפן אינדרויסן, וואַרטנדיק אויף מיר. אַמאָל פלעגט ער ליגן אויסגעצויגן אַפּרקדן אויפן גראָז און קוקן אין הימל אַריין. אַמאָל פלעגט ער זיצן אויף דער באַנק, וואָס איז געשטאַנען פאַרן טויער פון דער ווילאַ, וווּ ער האָט געוווינט. ער האָט מיך אויסגעקוקט מיט אומגעדולד.

מיך דערזעענדיק אָנקומען, האָט ער זיך אויפגעשטעלט,

זיך אויסגעשטרעקט און גענומען פּאַכען מיט זיין שטעקן אַקעגן מיר:

— איי, איי. זענט איר ווערט פּעטש. פאַרוואָס קומט איר אַזוי שפּעט? פון זיבן אַ זייגער אָן קוק איך זיך אויס די אויגן. דער פרימאָרגן איז ריין, דער הימל לויטער, דער סאָלאָוויי זינגט אַ ליבע-ליד צו זיין געליבטער. דער געדאַנק איז בײַ מיר לויטער. דאָס חיות עקט זיך מיר: איך וויל שרייבן און שרייבן מיט חשק, מיט ברען און איר זענט נישטאָ!

דערביי האָט ער געגעבן אַ דריי מיטן קאָפּ און שטיל אָפּגעזיפצט. דער פּשט פון דעם זיפץ איז געווען: אוודאי, אַז איך דאַרף אָנקומען צו פרעמדע הענט!

ווי עס שיינט, איז דער זיידע דאַן אינגאַנצן געווען פאַרנומען מיט דעם, וואָס ער האָט געשריבן דורך מיין האַנט. אַלע פרימאָרגן איז שוין בײַ אים פאַרטיק געווען אַ בילד, אַ שילדערונג אָדער אַ טיפּ. פלעגט ער עס וועלן זען אויפגעשריבן און ער האָט דערפאַר אַזוי אומרויק געוואַרט אויף דעם.

נאָך דער באַגריסונג און נאָך דעם פאָרוואורף, וואָס ער האָט מיר אַלע טאָג געמאַכט פאַר מיין נישט קומען כאָטש זיבן אינדערפרי, זענען מיר תיכף אַריין אין שטוב און זיך געזעצט צו דער עבודה.

דאָס צימער, אין וועלכן מיר האָבן געאַרבעט, איז געווען הויך, גרויס, ליכטיק און פאַרגאָסן מיט זון. דער זיידע אַליין האָט, ווי מיט אַ כוונה, געמאַכט אַלע הכנות צום שרייבן: ער האָט געעפנט די פענצטער, אַרויסגענומען די בויגנס פּאַפּיר, מיר אַליין דערלאַנגט זיין פעדער אין צוגערוקט די טינט. איך האָב זיך געזעצט אויף זיין אָרט בײַם טיש. ער אַליין — אויף אַ שטול לעבן טיש און נאָענט צום פענצטער. איך — אָן אַ היטל, ער — אין היטל. דאָס רעקל פאַרקנעפּלט אויף אַלע קנעפּלעך, געהאַלטן ביידע הענט אויפן שטעקן, וואָס איז אים געשטאַנען צווישן די פיס. אַ ווײַלע האָט ער זיך פאַרקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס. דאָס פּנים איז געוואָרן אומרויק, די אויגן ליכטיקער, גרעסער, דער שטערן — פאַרטראַכט:

— נו, לייענט איבער, ווי האַלטן מיר ?

האָב איך געלייענט דאָס אָנגעשריבענע. און — מענדעלעס פּנים האָט מיר שוין דיקטירט ווו זיך אָפּצושטעלן, אויב מען דאַרף עפּעס פאַריכטן : אַז אַ וואָרט איז אים נישט געפעלן, האָט זיך זיין פּנים אַזאַ קנייטש געטון, ווי ער וואָלט דער-פילט אַ שטאָך... בין איך שטיין געבליבן. און דאָס וואָרט איז פאַרביטן געוואָרן מיט אַן אַנדערס. איז אים געפעלן, האָבן זיך זיינע ליפּן אַ ביסל צעעפנט און צעשמייכלט. האָב איך נישט מפסיק געווען און געלייענט ווייטער.

אָפּגעלייענט דאָס אָנגעשריבענע, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן, זיך גענומען שאָקלען און ווייטער דיקטירן.

די זאַך, וואָס מיר האָבן דאַן געשריבן האָט געהייסן „בענק-שאַפט”. געשילדערט האָט דאָרט דער זיידע פאַרגאַנגענע יידישע מנהגים פון יידישן יום-טוב. דאָס איז נישט געווען קיין ספור המעשה, נאָר אַ מין שילדערונג, אַ קייט פון בילדער. בילדער פון שבועות, פון קבלת-התורה-יום-טוב. די שילדערונג האָט געזאָלט איבערגעבן די טיפע בענקשאַפט וואָס רוט אין זיין האַרץ צו דער יידישער שיינקייט פון עבר... דאָס האָט אייגנטלעך געדאַרפט אויסדריקן דעם זיידנס בענקשאַפט, וואָס ער האָט געפילט די לעצטע צייט. נאָר מענדעלע האָט בטבע פיינט געהאַט צו שרייבן בלשון א נ י. האָט ער געשי/דערט אַנדערע. דערווייל זענען אַרויסגעשוווּמען פאַרשידענע געשטאַלטן, מאָדנע ברואים און פיינע בריות, צו זיי — אַ קייט פון קאָלירטע, זאַפטיקע, פרישע בילדער.

אין גאַנג פון דער אַרבעט איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז די גאַנצע זאַך ווערט געשריבן נאָר צוליב דעם, עס זאָל אַהין אַריינגעשטעלט ווערן דאָס קאַפּיטל תהילים, וואָס ער האָט איבערגעזעצט. אָט דאָס קאַפּיטל תהילים איז ביים זיידן גע-וואָרן דער אויסדרוק פון זיינע מחשבות, דורך דעם האָט ע-געוואָלט אויסגיסן דאָס האַרץ זיינס.

אין דעם איז געלעגן עפּעס אַ סוד, אַ פאַרבאָרגענע החלטה. אַ מין „הרהור תשובה”, וואָס דער זיידע האָט אויף זיך גענומען זינט ער איז קראַנק געווען. עפּעס איז געווען ביי אים אַ געהיימער

באַשלוס, וועלכן ער האָט צו קיינעם נישט מגלה געווען: ווי שוין דערמאָנט: דער זיידע איז געוואָרן פרום, האָט געדאַוונט אַלע טאָג, אין זינען געהאַט נטילת ידים, געבענטשט נאָכן עסן. פון שטענדיק אָן האָט זיך פון זיינע רייד געפילט אַ קרבת אלהים... איצט איז דאָס אין אים פאַרשטאַרקט געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען: דער זיידע האָט אין רעיון געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיטן רבונו של עולם: ער, דער זיידע, זאָל, הייסט עס, מער אין זינען האָבן פרומקייט, און דערפאַר זאָל ער, דער רבונו של עולם, אים דערלענגערן די יאָרן.

און דאָס, משמעות, האָט ער געהאַלט אויסדריקן דורך דעם קאַפּיטל תהילים: „כאיל תערג", וואָס ער האָט אָפט געזאָגט און איבערגעזעצט.

דערווייל אָבער קוקט דער זיידע מיט פאַרמאַכטע אויגן און זעט אַ גרויס שטיק יידיש לעבן, וואָס איז שוין אויף דער וועלט נישטאָ. דערווייל זעט ער פאַרשידענע געשטאַלטן, מאָדנע נפשות און באַשעפענישן; דערווייל זעט ער ווי די ליכטיקע זון שיינט און די קווייטן ווינקען פון צווישן גרין גראָז. ס'איז שבועות און יידן נאָך דער מילכיקער סעודה גייען אַרום שפּאַצירן. גייען זיי אויפגעלייגט, צעיוחסט... די הערצער פרייען זיך מיט דער תורה, וואָס נאָר זיי האָבן געהאַט אַזוי פיל שכל און זי מקבל געווען. און זייערע פנימער זענען... און זייערער פנימער זענען...

עס פאַרפעלט דעם זיידן אַן אויסדרוק. הייבט ער אָן זוכן און נישטערן אין „זאַפּאַס" פון זיינע ווערטער. רופט אַלע ווילע אַ וואָרט, זאָגט עס איבער מיטן אייגענעם מויל, באַטראַכט עס און פאַרטרייבט עס באַלד מיט אַ שפּיי:

— פאַטקודסטווע!

„מען דאַרף פרעגן בא מיין יידל, וועט ער מיר זאָגן".

אַזוי זאָגט מענדעלע. און דאָס פלעגט ער שטענדיק זאָגן:

„אויב איך דאַרף האָבן עפּעס אַ וואָרט, אַן אויסדרוק און איך געפין עס נישט. אָדער איך געפין עס יאָ, נאָר איך בין נישט זיכער, אַז עס איז ריכטיק, גיב איך זיך אַ בייג איין צו דעם יידל,

וואָס זיצט אין מיר און פרעג אים. נישקשה: ער ווייסט שוין ווי מען דאַרף זאָגן".

און מענדעלע נעמט פרעגן בא זיין יידל:

— און זייערע פּנימער זענען געווען צערויטלט? אַ פּאַסקודסטווע!

אין אַ ווײַלע אַרום:

און זייערע פּנימער זענען געווען צעפּלאַמט. — און שפּעט זיך אַליין איבער: — צע·פּל·אַ·מט. פע! פּאַסקודסטווע!

און ווידער:

— און זייערע פּנימער זענען געווען צעגלאַנצט...

ב·ר·ר·ר! חלשות!

ער גיט אַזש אַ ציטער.

העלף איך אים שוין זוכן: און איך פּאַק אַן אויסדרוק טאַקע פון מענדעלעס אוצר:

— און זייערע פּנימער זענען געווען צעפּריעט ווי אַ צימעס. האַ?

גיט דער אַלטער אַ קוק אויף מיר מיט אַזאַ קוק: גנב! ס'איז דאָך מיין וואָרט!

אָבער ער איז איבערזיכטיק. ער קאָן נישט מסכים זיין, איך זאָל עס האָבן דערמאָנט, און ער שפּעט מיר גלייך איבער:

— אַזוי? צעפּרי·עט ווי אַ צי·מ·ע·ס! כע! פּאַסקודסטווע!

און שפּייט אויס נאָך שטאַרקער.

מילא, נישט איז נישט.

דער זקן רייבט זיין הויכן שטערן. זיפצט דערביי, האָט גרויס יסורים און רופט אַלע ווײַלע אויס:

— מאַמע!

ווידער הייבט זיך אָן דאָס פּרעגעניש בא זיין יידל:

— צערויטלט? — פע! פּאַסקודסטווע!

— צעפּלאַמט? — פע! חלשות.

— צעגליט? — פע! פע!

— און

— אוי, מאַמע!

פלוצלינג:

— ס'איז דאָ! כ'האָב עס! שרייבט: „און זייערע פנימער זענען געווען צעפריעט ווי א צימעס".

שמייכל איך:

— זיידע, דאָס האָב איך דאָך אייך פריער נאָך געזאָגט?

— אָ! עס טויג טאַקע נישט! פע! חלשות! פאַסקוד־סטווע! כע!

און אַזוי האָט זיך עס איבערגעחזרט אַזוי לאַנג, ביז איך האָב ענדלעך נישט דערמאָנט מער, אז דאָס האָב איך געזאָגט. און אַזוי איז עס פאַרבליבן.

אַזוי אייפערזיכטיק קאָן זיין נאָר א באמת גרויסער קינסט־לער.

נאָך דעם ווערט דער זיידע מיד. זיפצט אָפּ און זאָגט:

— די קריע גייט.

און ער פאַרטייטשט:

— איר האָט געזען ווי דער טייך לאָזט? אַזוי, ערב־פסח־צייט, ווען עס פלאַצט דאָס אייז און עס הייבט זיך אָן דאָס געוויסער. א סך שטיקער אייז, גרויסע און קליינע, דינע און דיקע גיבן זיך א לאָז פון זייערע ערטער, קומען צו שווימען פון אַלע זייטן. עס גייט די קריע! אַזוי שווימען אָן אויף מיר מיינע דערי־נערונגען און דערמאָנונגען! פון אַלע זייטן קומען זיי אָן... איי־ביי שטופט די אַנדערע. איינע טרייבט די צווייטע. מיטאָמאָל, גיבן זיך די שטיקער אייז א שלאָג־צונויף. שטעלן זיך פאַפעריק און קענען נישט דורך דעם שמאָלן דורכגאַנג! די זכרונות און געדאַנ־קען פלאָנטערן זיך צונויף...

און ווידער זיפצט ער אָפּ:

— איי, איי. ווען איך וואָלט אַליין געהאַלטן די פען אין האַנט! פונקען וואָלטן געפלויגן.

* *
*

— שרייבט: און פאָרויס, פאַר די שפּאַצירנדע פריילעכע ייִדן, האָט זיך מיט אַ בריקען געלאָזט לויפן דער שטאָט־באָק. פאַררייסט ער דעם עק אָן דרך־ארץ און עס נעמט זיך שיטן שוואַרצע גלאַנציקע באָבקעס...

איך בין מפסיק און פרעג אין פאַרלעגנהייט:

— זיידע, צו וואָס נאָך די באָבקעס?

עפנט ער אויף די אויגן:

— וואָס איז? איר שעמט זיך? עס פּאַסט אייך נישט? האָסטו געהערט אַ ביסל? אַזוי? איר שעמט זיך! אָבער וואָס זאָל איך טון? ער שיט דאָך פאָרט מיט באָבקעס? שרייבט!

ס'איז געווען מאָדנע: „ער שיט דאָך פאָרט". דער זיידע זעט עס. ער דערציילט נישט פון זכרון. פאַר זיינע אויגן איז דאָס בילד. עס זעט ממש.

ווערט אינמיטן דערינען שטאַרק מיד: עפּעס האָט זיך פאַרפּלאָנטערט אין זיין פאַנטאַזיע. זיצט ער אַ ווײַלע שטיל. זאָגט ווידער: „די קריע גייט!" און —

— אַז איר קומט שפּעט! אינדערפרי באַלד איז מיר דער קאָפּ ריין, קלאָר, לויטער. איצט אָבער איז שוין שפּעט אויפן טאָג.

און ער שטייט אויף:

— איך וועל מיך דורכגיין אַ ביסל אינדרויסן.

קוקט אַ ווײַלע צעטומלט. וויל נאָך אַלץ פאַרבאָרגן פון פרעמדע די זקנה זיינע:

— איר פאַרשטייט: אַז איך בין נישט געוווינט צו דעם, אַז אין מיטן זאָל מען מיר איבערשלאָגן. וואָס איז אייך פּלוצלינג נישט געפעלן די באָבקעס? און נע!

און דער זיידע גייט אַרויס אינדרויסן.

בלייב איך זיצן ביים טיש. קוק איבער דאָס אָנגעשריבענע

און איך הער: דער זיידע שפאַנט אינדרויסן, דער רעכטער פוס שלעפט זיך אַ ביסל אונטער. און איך טראַכט:

— אַלט געוואָרן ר׳ מענדעלע...

און עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ. ווי אַזוי איז עס געשען? ווי אַזוי האָט די זקנה געקאָנט שולט זיין אין ר׳ מענדעלען? ...

מיטאַמאָל דערהער איך ווי זיין שפאַנען איז געוואָרן איי־לעדיקער, אומפעטיקער, אָט שטייט ער שוין באַם אָפענעם פענצטער:

— איר הערט? מישט אויף דאָרט ווו עס ווערט דערציילט, ווי עס איז אויפגערוימט יום־טובדיק אין שטוב.

מיש איך אויף און לייען אים פאָר:

— די שטוב איז צוגערוימט, די פאָדלאָגע באַשיט מיט געל זאַמד.

און מענדעלע צעשמייכלט זיך:

— אָט דאָ שרייבט צו:

און ער נעמט מאַכן אָרדנונג אין שטוב: די הינער זענען פאַרשפאַרט אין קיטשע, דאָס פעסל פון וואַסער אַרויסגעשטעלט הינטער דער טיר. און —

און מיט עטלעכע שורות האָט זיך ממש דערפילט דער ריח פון יום־טובדיק יידיש צוגערוימטקייט. דער ריח פון יום־טוב האָט אַ שלאָג געטון אין נאָז. דער זיידע האָט געשיינט. אויף איין ווייַלע איז צוריק געשטאַנען דער יונגער, פרישער, זאַפטיקער מענדעלע.

— און איצט ווייטער, ... די יידן ע... די מילכדיקע סעודה.

און ער נעמט רעכענען אַ שלל מאכלים, וואָס נאָר איין מענדעלע האָט געהאַט פאַר זיי ספּעציעלע נעמען: פּוטער־קיכלעך, קעז־קיכלעך, שטרודלעך, פּילירטשיקעס, קרעפּלעך און —

ווער קאָן זיי אַלע אויסרעכענען.

און דער זיידע לאַכט דערביי מיט יונג געלעכטער און זיין פּנים איז ליכטיק.

* *
*

אז מיר זענען געקומען צו דעם פלאַץ, וווּ איך האָב באַדאַרפט אַריינשרייבן די איבערזעצונג פון קאַפּיטל תּהילים, האָט דער זיידע זיך אָנגעהויבן מפלפל זיין:

— עס שטייט „כּאַיל תּערג” עס דאַרף דאָך שטיין יערג, אַיל איז דאָך זכר און תּערג איז נקבה?

צוויי טעג האָט דער זיידע געדרשנט וועגן דעם. און איך בין זיך מודה: איך האָב סוף כּל סוף דעם פּלפּול נישט פאַרשטאַנען. ס'איז אָבער געווען צו באַוווּנדערן, ווי דער זיידע האָט פון דעם גערעדט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש די זקנה האָט אָנגעהויבן שולט זיין אין זיין גוף, אָבער צו זיין בקיאות האָט זי לחלוטין קיין שליטה נישט געהאַט. דער זיידע האָט אַרויסגעוויזן געוואַלדיקע בקיאות אין ש"ס, מדרשים און אין אַנדערע יידישע ספרים.

ווידער האָב איך איבערגעלייענט די איבערזעצונג, וואָס איז געווען געגראַמט און ווידער געזאָגט צום זיידן:

— צו וואָס דאַרפט איר דעם גראַם?

— וואָס זשע? עס געפעלט אייך אַלץ נישט מיין גראַם?

— אָבער צו וואָס? ס'וועט אָן גראַם אויך גוט זיין.

— אַזוי? איר מיינט נאָך אַלץ, אַז ביאַליק קאָן בעסער האָ?

דער זיידע איז ווידער בייז געוואָרן. להד"ם! עס הייבט זיך גאָרנישט אָן. זיינע גראַמען זענען נישט ערגער פון אַן אַנדערנס... ער האָט נאָך געשריבן גראַמען, ווייס איך ווען?! ביז מיר איז ענדלעך איינגעפאַלן:

— אָבער זיידע? איז דען דער תּהילים געשריבן

אין גראם ? צו וואס זשע זאל די איבערזעצונג זיין אין גראם ?

דער זיידע האט אויף מיר פארשנד א קוק געטון. האט משמעות געוואלט כאפן צי דאס איז טאקע די אמתע כוונה מיינע. און באלד מיט פארוואונדערונג געזאגט :

— זעט איר, דאס איז מיר גארנישט איינגעפאלן. טאקע גע־רעכט ! דער תהילים איז דאך טאקע אן גראם ! אזא פשוטע זאך, און זי איז מיר גאר פון זינען ארויס. .. א ?

און דעם זיידע האט ארא‌פגענומען דעם גראם. דערביי זיך אלץ געחידושט :

— און נע ! ס׳איז מיר גארנישט איינגעפאלן ! טאקע גע רעכט !

מען האט אזוי געארבעט א פאר שעה. ביז דער זיי־דע איז מיד געווארן. האט ער עס פארשלייערט און גע־זאגט :

— עס וועט שוין אפשר זיין גענוג אויף היינט. איר זענט דאך שוין אוודאי מיד ! הא ? זאל שוין זיין גענוג אויף היינט.

נישט ער נאר איך בין מיד...

האבן מיר דערנאך שפאצירט אין דרויסן. דער זיידע האט זיך אפט פארטראכט און פלעגט בגנבה ארא‌פשלינגען א זיפצל.

— גיי, טו, אז איך בין געבונדן !... און איך האב דאך נאך אזוי פיל ארבעט !

און איינמאל, זיצנדיק אויף דער באנק פאר דער ווילא, האט ער זיך צעשמייכלט מיט זיכערקייט.

— אבער איך בין בטוח, אז גאט וועט מיר העלפן און איך וועל נאך ווייזן, וואס מענדעלע קאן... דער רבונו של עולם וועט זיין מענדעלען נישט פארלאזן. אויפן הימל איז פונקט ווי אויף דער ערד. דער, וואס איז א מיוחס צווישן מענטשן, איז אויך אויפן הימל נישט אבי־ווער. און אזוי ווי איך וואלט געקאנט פועלן בא

מענטשן, אזוי קאָן איך פועלן אין הימל... איר וועט נאָך זען, וואָס מענדעלע קאָן.

מענדעלע איז נאָך אַלץ זיכער געווען, אַז ער וועט מנצח זיין. ער האָט אין זיך געטראָגן עפּעס אַ סוד, פון וועלכן נאָר ער אַליין האָט געוווּסט, און געווען בטוח, אַז גאָט וועט אים העלפן.

און מערקווירדיק: דווקא דעם זומער, ווען ער האָט זיך געפילט שוין שוואַך און אַלט, צייטנווייז אפילו גאָר אַלט, האָט ער דווקא איינמאָל גערעדט וועגן טויט, פון וועלכן ער האָט זיך שטענדיק געהיט צו רעדן. האָט קיינמאָל מיט אים קיין מגע ומשא בישט געוואָלט האָבן, געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער ווייסט גאָרנישט פון אַזאַ זאַך ווי טויט. אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל בסתר האָט ער שוין וועגן טויט אַ סך געטראַכט? אָדער אפשר דערפאַר, ווייל ער איז איצט געווען זיכער, אַז ער איז אַ גרויסער חשוב אין הימל און ער מעג שוין אפילו רעדן פון טויט? — ווער קאָן דאָס וויסן. נאָר דעם זומער האָט ער דאָס ערשטע מאָל אַרויסגעזאָגט אַ גאַנצן רעיון וועגן טויט.

געווען איז עס אין אַ רויקן שטילן פאַרנאַכט. עטלעכע פריינט האָבן זיך געפונען באַם זיידן אויף דער דאַטשע. אויך ביאַליק, ווי מיר שיינט, איז דערביי געווען. דער זיידע איז געווען געקומען צו זיך, האָט זיך געפילט פרייליכער, אויפגעלייגטער, האָט גערעדט, ווי זיין שטייגער איז געווען, מיט בילדער און פלאַסטישע באַוועגונגען. האָט דערציילט פאַרשידענע מעשות און געווען שטאַרק צוגעלאָזט. ווען מיר האָבן זיך מיט אים געזעגנט, איז ער געגאַנגען אונז באַגלייטן.

פון ווייטן איז דער ים געלעגן אַ שטילער, אַ שוואַרצער. דער הימל איז געווען לייכט פאַרגאָסן מיט אָפּגלאַנץ פון דער זון, וואָס איז נאָר וואָס פאַרגאַנגען. אַלערליי פליגן האָבן געזשומעט און פון פעלד האָט זיך געטראָגן דאָס פלוידעריי פון פאַרשידענע באַשעפענישן. און דער זיידע האָט אינמיטן רעדן אָנגעהויבן און געזאָגט:

— און איר מיינט דאָך אוודאי, אַז דער טויט איז עפּעס אַ

אַ שרעקלעכע זאַך... אַ מי־יודע וואָס... און איך מיין אַז פאַרקערט: דער טויט איז בלויז אַ מין געבוירן ווערן... נאָר אַ געבוירן ווערן אויף צוריק... אויף דער אַנדערער זייט הייסט עס... אוועקגיין פון דער וועלט, הייסט — ג ע ב ו י ר ן ווערן אויף יענעם עולם. פונקט ווי דאָס אַראָפּגיידערן פון ד'ער נשמה פון יענעם עולם, הייסט: געבוירן ווערן אויף דער וועלט.

ווען אַ מענטש דאַרף אַוועקגיין פון דער וועלט און געבוירן ווערן אויף יענער וועלט, שטייט מען דאָרט און מען וואַרט, און מען האַפּט אויף דער מינוט, אויף דעם נייגעבוירענעם... און אַז דער מענטש שטופּט זיך דורך בשלום דורך דער ענגער טיר פון טויט און ווערט דאָרט ג ו ל ד — איז דאָרט מסתּם פאַראַן, ווער עס איז מקבּל פּנים דעם רך הנולד און שרייט אויס מיט גרויס פרייד:

— מזל טוב! מזל טוב! אַ ייִנגל איז געבוירן געוואָרן!

אין דער פּמליה של מעלה ווערט אַ גרויסע שמחה,

דערפאַר זאָגט מען טאַקע: „אַן אַלטער און אַ קינד איז גלייך".

וואָרים אַ סימן האָט איר: דער מענטש, וואָס ער ווערט עלטער, אַלץ מער קערט ער זיך בּיסלעכווייז צוריק צו זיין קינדהייט. פונקט ווי אַ קינד, וואָס עלטער עס ווערט אַנטוויקלט זיך עס אַלץ מער. אַזוי אויך אַן אַלטער, וואָס ווייטער אַנטוויקלט ער זיך אַלץ אויף צוריק ביז צו אַ קינד. דער שכל ווערט קלענער, די פאַנטאַזיע שוואַכער, די ראיה געשלאָגענער, דאָס לשון שטאַמלדיקער און די ציין פאַלן אַרויס. און די האָר קריכן אויס. און אַז עס קומט צו די לעצטע מינוטן, הערט מען אויף זען, הערן און רעדן און מען ווערט צוריק דאָס, וואָס מען איז געווען תּיכף ווען מען איז געבוירן געוואָרן.

פונקט ווי דער מענטש קומט אויף דער וועלט דורך געבוירן ווערן, פונקט אַזוי גייט ער אַוועק פון דער וועלט דורך דעם, וואָס ער ווערט געבוירן אויף יענער וועלט...

מיר זענען געגאַנגען שטיל, זיך צוגעהערט צו די רייד פון אַלטן. דער הימל האָט זיך געבלויט. דער ים איז איצט געלעגן גאָר שוואַרץ און גלאַנצנדיק. און עס האָט אויסגעזען: אויך דער פאַרנאַכט הערט זיך צו צום אַלטנס ר ע י ו ן וועגן טויט...

ח.

וועגן אונזערע קריטיקער

איינמאָל אינדערפרי, קומענדיק צום זיידן צו דער „ארבעט", האָב איך אים נישט געטראָפן ליגן אויף דער לאָנקע און נישט זיצן אויף דער באַנק פאַר דער ווילאַ. כאָטש די זון האָט אַזוי העל געלויכטן און שטאַרק געוואַרעמט. אַ לינד ווינטל האָט גע־בלאָזן פרימאָרגנדיק, זאַכט און די פייגל האָבן געשוויטשערט און דער ים האָט רוישנדיק געאָטעמט. משמעות: דער זיידע האָט זיך פאַרלייענט, אָדער אפשר האָט ער באַ זיך אַ גאַסט אַזוי פרי?

אַריינקומענדיק אין זיין צימער, האָב איך נאָך געכאַפּט אַ וואָרט, וואָס ער האָט געלאָזט פאַלן:

— ליידאַקעס!

ער איז געזעסן באַם טיש. געזעסן אין דער שוואַרץ־זיידענער יאַרמולקע מיט אַ געבויגענעם קאָפּ איבער עפּעס אַ ספר אָדער זשורנאַל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנץ בוך. געזעסן מיט שטאַרק צונויפגעפּרעסטע ליפּן און מיט שאַרפער פאַרשפּיצטקייט אויפן פּנים.

אַז איך האָב אַריבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער אויפגע־הויבן זיין ווייסן מלכותדיקן קאָפּ און אויסגעצויגן צו מיר אַ לאַנגן שטילן בליק:

— דאָס זענט איר?

— גוט מאָרגן, זיידע.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר.

— אינדרויסן איז אַזוי שיין.

— שיין.

אָפּגעהאַקט פאַרעקשנט. הייסט עס: דער זיידע איז בייז.

און ער הייבט גלייך אָן ווי פון מיטן אַ געשפּרעך:

— ס'איז גאָר נישט פּטור צו ווערן פון זיי! ווי זלידנע פליגן האָבן זיי זיך אַנגעזעצט און פאַרזשומען די אויערן... און אָט די זשומעריי הייסט בא זיי „קריטיקע"! עפּעס אַ קלייניקייט! טודרוס ב"ר גימפּל, וואָס האָט אַ גרויסע פּאָלקע און טראָגט נאָך דערצו אַ בריל, זאָגט אַזוי און אַזוי... ער קרי-טי-קירט!

איך בין צוגעגאַנגען נעענטער צום טיש. כאַפּ אַ קוק אין די אויפגעמאַכטע בלעטער און דער זיידע שטעלט אויס בייזע שאַרפע אויגן:

— אדרבא: נעמט און לייענט איבער אָט דאָס שרייבעכץ, אָדער ווי דאָס הייסט בא זיי „קריטיקע" און גיט מיר צו פאַרשטיין, וואָס מיינט אָט דער דאָזיקער כּתבן צו לאָזן הערן מיט זיין שרייבעכץ? איך זיץ שוין דערביי אפשר אַ שעה. מוטשע זיך, לייען און פאַרשטיי נישט איין וואָרט. די ווערטער אַליין פאַרשטיי איך שוין גראָדע, אָבער ווי אַזוי קלעבט מען זיי צוזאַמען? עפּעס שיט ער מיט משונהדיקע ווערטער. משמעות — אָנגעהערטע צווישן סטודענטן אָדער גלאַט ווילקענעוודיקע... און ער דרייט מיטן גראָבן פינגער און זאָגט און זאָגט און זאָגט — ווי זאָגט מען עס: אַז פאַרשטימט האָט ער געמעגט ווערן! און נישט בלויז עס רעדט, נאָר עס פּסקנט! אַזוי און אַזוי און נישט אַנדערש!

גיט אַ טרוקענעם שפּיי, ווי זיין שטייגער איז געווען, און רופט אויס:

— פּאַסקודסטווע!

איך קוק אַריין אין דעם מאמר: ס'איז אַ מין קריטיש אַרטיקל פון איינעם אַ יידישן קריטיקער, וואָס האַלט זיך בטבע פאַר אַ פאַרשטייער און פאַר אַ גאַנצן פּוסק, וואָס טראָגט אויף זיינע אָרימע פּלייצעס דעם גורל און די אחריות פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

— וואָס? איר ווילט איצט נעמען לייענען? אומזיסטע מי. איר וועט פונדאַנען סיי ווי גאָרנישט אַרויסטראָגן. וואָרים: עס שטייט דאָרט גאָרנישט. ס'איז בטלנישער פּלפּול. קומט, לאָמיר זיך פריער אַ ביסל דורכשפּאַצירן, כדי דערנאָך צו קאָנען אַרבעטן. פון דעם גאַנצן קאָפּ האָט עס מיר מטמטם געמאַכט.

דער ניידע האָט אָנגעטון די יאַרמולקע, האָט אָנגעטון זיין קעפּקע-היטעלע, גענומען דעם שטעקן און מיר זענען אַרויסגע-גאַנגען.

דער טאָג איז ווירקלעך געווען זייער אַ פרישער און גע-שמאַקער. ס'איז געווען איצט נאָך ניין דעם זייגער. דער הימל איז טיף-בלוי, ווי עס טרעפט אין דרום-רוסלאַנד. און דער ניידע קוויקט זיך מיטן דרויסן. גייט געלאַסן, טריט באַ טריט. נאָר דער כעס ווערט אַלץ נישט געשטילט אין אים.

— איך פאַרשטיי נאָר נישט פונוואַנען דערנעמט זיך די חוצפּה? געהערט אַ מעשה? אַליין — טויג עס נישט אַ קאַץ אַ ווידל צוצובינדן און אַנדערע קומט עס לערנען! עס דערמאַנט מיך אָן יענעם שלימזל, וואָס כל ימיו זיצט ער אין בערדיטשעווו אונטערן בית-המדרש-אויוון. און פון דאָרט טוט ער זאָגן דעות און געבן עצות אין תכסיסי-מלחמה. אַז ער גייט פאַרביי דאָס מינדסטע שייגעצל, ווערט דער בטלן אַ דערציטערטער, אַז אַ הונט גיט אַ ביל אויף דער פּיפּטער גאַס, נעמט עס פלאַטערן און פאַכען מיט דער נשמה, קריכט זיך באַהאַלטן אונטערן בעט און דאָס זאָגט אַ דעה אין מלחמה-זאַכן.

ווי געפעלט אייך אַזאַ באַלמעלאָכע?

אָדער: נעמט דאָס באַרדיטשעווער יידל, וואָס ער האָט נאָך אין אַלע יאָרן פון זיין לעבן נישט פאַרדינט קיין דריי רובל. זיצט זיך אָט דאָס יידל בהרחבה און זאָגט מבינות ווי אַזוי ראָטשילד דאַרף זיך פירן מיט זיין געלט. ווען ער אַליין איז ראָטשילד, וואָלט ער שוין געוווּסט וואָס צו טון. איין קלייניקייט! ע ר! ער וואָלט געטון אַזוי און אַזוי. ער וואָלט גענומען און אָפּגעקויפט גאַנץ רוסלאַנד און געמאַכט אַלע יידעלעך פאַר די באַלעבאַטים פון דער מדינה און זאָלן אַלע שונאי ישראל צעפּיקט ווערן!

געהערט אַ ביסל! אַליין איז עס אַ גדול ונוראדיקער קבצן אין זיבן פּאָלעס, נאָר ער — זאָגט דעות ראַטשילדן!

אַ ווײַלע שווייגט דער זיידע. מיר זעצן זיך צו אויף אַ באַנק. דערנאָך באַוויזט זיך אַ שמייכל אויף זיינע ליפּן:

— ווייסט איר, וואָס אַזוינס עס איז בײַ אונז אַ קריטיקער? אַ קריטיקער בײַ יידן איז פּונקט דאָס זעלבע, ווי אַמאָל אַ מלמד בײַ יידן. ווי אַזוי איז אַמאָל געוואָרן בײַ אונז אַ מלמד? האַ? איר מיינט בײַ אונז איז געווען אַ מלמד ווי להבדיל בײַ זיי אַ ל ע ר ע ר? חס ושלום! יידן זענען נישט קיין גויים, זייערע וועגן זענען נישט אונזערע וועגן, בײַ זיי, איידער מען ווערט אַ לערער, אויף צו לערנען מיט אַנדערע, קריכן די אויגן זיבן מאָל ארויס פון קאָפּ: מען מוז גיין אין אַ שולע, מען מוז לערנען יאָרנלאַנג, דערנאָך דאַרף מען האַלטן עקזאַמען און טאַקע אויסהאַלטן. אַז מען גייט דורך דידאַזיקע אַלע גלגולים, באַקומט מען ערשט אַ הכשר אויף צו ווע־ן אַ לערער. און אַז מען ווערט שוין אַ לערער — האָט מען איצט איבער זיך אַ משגיח, און איבער דעם משגיח איז פאַר־האַן נאָך אַ העכערער משגיח אַזוי, אַז אַ וועלט איז נישט הפקר.

ווי אַזוי אָבער ווערט אַ מלמד בײַ יידן?

טאָ הערט זשע:

אַ בחור'ל האָט חתונה. זעצט זיך אַוועק בײַ שווער און שווי־גער אויף קעסט. פאַרברענגט זיין צייט מיט נאַרישקייטן: מיט רעדן לשון־הרע און רכילות, מיט נאַכקוקן, נאַכשפּיאָנירן טאָמער טוט עמעצער אַן עבירה, קוקט אַריין אין אַ חקירה־ספר וכדומה. און דאָס ווייב קאָכט אים וועטשערע און קינדלט.

אַזוי גייען פאַרביי די עטלעכע יאָר, וואָס דער שווער איז אים מחויב צו געבן מזונות. באַם ייגנגמאַן שפּראָצט דערווייל אויס אַ בערדל. אין דער משפחה קומען צו אַ פּיר קינדערלעך. און אַז עס קומט די צייט, מען דאַרף אַראָפּגיין פאַר זיך, ווערן אַליין באַ־לעבעסל און שפּייזן די משפחה, קוקט מען זיך איצט אַרום און מען הייבט אָן קלערן: וואָס טוט מען? צו וואָס נעמט מען זיך? פון וואַנען וועט מען ציען חיונה? נעמט מען דאָן אַרויס דעם נדן און מען מאַכט זיך אַ קלייטל: פון הערינג, טמאָלע, דזשעגעכץ און

גרויפּן. איז אַזוי: אויב גאָט העלפט, דאָס ווייב איז אַן אשת־חיל און טויג צו מסחר, ווערט זי די סוחרטע, זיצט גאַנצע טעג אין קלייטל און ווערט פאַרשוואַרצט כמנהג ישראל, און דאָס באַלע־בעסל קומט זיך צום גרייטן. אויב אָבער דאָס ווייב איז סתם אַ ווייב און נישט קיין סוחרטע, און ער אַליין האָט אויך קיינמאָל נישט געהאַט קיין שייכות מיט מסחר, — עסט מען אויף דעם נדן עד הפּרוטה האחרונה און דערנאָך, באין ברירה, ווערט מען אַ מלמד, טרייבט מען צונויף יידישע קינדערלעך, זעצט מען זיי אַריין אין אַן ענגער שטייג, אָן אַ ביסל לופט און מען לערנט מיט זיי גאָטס תורה! צו דעם, דאַרף דער מלמד אַליין גאָרנישט קאָנען. ס'איז געננג דער טעם, וואָס ער האָט אַ ווייב מיט קינדער און דאַרף זיי מפרנס זיין. איז וואָס זשע זאָל מען טון? — אַז צו קיין מסחר טויג ער נישט. זיך ווידער נעמען צו אַ מלאכה? איינמאָל, קאָן ער נישט קיין אַרבעט. צווייטנס — ווי פּאַסט עס פאַר אים? ער איז דאָך עפּעס געווען ביז אַהער אַ קעסט־איידעמל! איז שוין בעסער אַ מלמד. פאַר אַ גרויסער נויט — ווערט ער מלמד אין אַ דאָרף. דאָס, וואָס ער קאָן גאָרנישט, מאַכט לחלוטין נישט אויס... און ווידער: וועלכער מלמד קאָן עס יאָ? אַלע קאָנען נישט!

— כך — אַזוי — פירט אויס דער זיידע — איז מיט אונ־זערע היינטיקע ליטעראַרישע מלמדים, די קריטיקער, ליטעראַטור־פּוסקים און דעה־זאָגער. ס'האָט מיט זיי פּאַסירט די זעלבע מעשה:

ס'זיצט זיך ערגעץ אַ העברעישער לערער און לייענט אַ פּאָר ביכלעך. און מסתם האָט ער אויך אַ „הערצענס געליבטע", פון וועל־כער ער „טרוימט" בחשאי. — אדרבה: ווייזט מיר אַיין העברעישן לערער, וואָס האָט נישט עפּעס אַ ליבע־טרוים? און, אַז אַ מענטש איז פאַרליבט, ווייסט איר דאָך: נעמט ער שרייבן „שירים". טויגן אָבער נישט די שירים. דרוקט מען זיי טאַקע נישט. נאָר וואָס דען? בינו לבינו איז ער זיך מישב און באַשליכט: מילא, וויל מען נישט דרוקן מיינע שירים, ווייל די ממונים איבער דרוקן פאַרשטייען נישט. אָבער איך קאָן דאָך שרייבן, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן! אַ מבין בין איך דאָך גאָר אַ גרויסער!

דאָס איז אַ קריטיקער גומער איינס.

אַזעלכער שרייבט ס'מערסט אויף העברעיש און איז אַן עומד מצד הכלה, מצד דער „השכלה בת השמים“,

ווידער איז פאַראַן אַ צווייטער מין. דאָס איז אַן אינטעליגענט. אַ היינטוועלטיק יונגערמאַנטשיקל, אַ זיידן נפשל, נאָר וואָס דען, ער איז נישט פאַר אייך געדאַכט, אַ נישט דערגאַנגענער!

וואָס הייסט עס אַזוינס אַ נישט דערגאַנגענער? אָט וואָס. על פי רוב איז עס אַ זיידן בחורל, אַ קדרל, מיט אַ בלייך פנימל און מיט אַ גרויסער טשופרינע. אַזאַ איינער האָט שוין געלערנט די רוסישע „אַזבוקע“, האָט זיך געדרייט צווישן סטודענטן, האָט „עקסטערניטשאַיעט“, געטראַכט פון ווערן אַ דאָקטאָר-מעדיצין אָדער אַ דאָקטאָר פון פילוסופיה... נאָר ער איז ביידע נישט געוואָרן. ער איז נישט דערגאַנגען.

אַזאַ בחור, האָט ס'מערסט אַ פרום שמן-זית פנימל, טראָגט שטענדיק אַרום בײַ זיך אין בוזעם-קעשענע די שכינה, דעם וועלטשמערץ און דעם גרויסן יושר. גייט ער אַרום און טראַכט כסדר ווי אַזוי איבערצומאַכן די וועלט. ווערט ער אַ וועלט-איבערבויער. אָבער קיין אינזשיניער איז ער דאָך נישט. צו קיין דאָקטאָר איז ער אויך נישט דערגאַנגען. דערווייל אָבער מוז מען דאָך עפּעס טון! טאָ גיי זשע און ווער אַ לערער? ניין! דאָס פּאַסט אים נישט! ער איז דאָך עפּעס אַ גרויסער מענטש. ער טראָגט זיך דאָך אַרום מיט הויכע געדאַנקען וועגן איבערבויען די וועלט, ברענגען משיחן און אויסלייזן די וועלט פון פיין. וואָס זשע טוט ער פאָרט? ווערט ער אַ ליטעראַרישער מלמד! קומט ער אונז זאָגן דעות און אונז לערנען ווי אַזוי יאָ צו שרייבן און ווי אַזוי נישט צו שרייבן. וועלכעס שרייבן עס איז גוט און וועלכעס עס טויג נישט.

אָנהייבן הייבט אַזאַ איינער אָן מיט פרומע רייד, מיט חניפה, מיט זיסע לאַקעטקעס. ער האַלט אין איין פּאַרטייטשן, וואָס דער שרייבער האָט געוואָלט, וואָס יענער האָט געמיינט און וואָס אַ דריטער האָט געטראַכט. אַ סך מאָל קומט מיר איצט אויס געוווירצו ווערן פון אָט דידאָזיקע לייט, וואָס איך האָב געטראַכט און וואָס איך האָב געמיינט צו זאָגן מיט דעם אָדער מיט יענעם וואָרט,

וואָס איך האָב על פּי טעות אָנגעשריבן און נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט אויסצומעקן.

דער זיידע האָט זיך דערבײַ צעלאַכט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטערל און דאָס גאַנצע פּנים איז אים געוואָרן מילדער. רע רוט זיך אָפּ אַ ווײַלע, פאַרקוקט זיך אויפן ים, וואָס ליגט פון ווײַטן און עס טראָגט זיך זײַן געזאַלצענער אָטעם איבער פעלד און גאָרטן. בשעת מעשה האָט דער זיידע ווי פאַרגעסן וועגן וואָס ער רעדט. ער האָט דערזען דעם ים און ער האָט אים צוגעצויגן. האָט דער זיידע מפסיק געווען, אָבער נישט פאַרגעסן זײַן שמועס. אַז מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַצירן, דערמאָנט ער זיך צוריק זײַן שמועס:

— הייסט עס: ווו זשע האַלטן מיר?

— קעגן דעם, וואָס זיי הייבן אָן מיט חניפה און זיסע ריידעלעך.

— יאָ... אַזוי הייבן זיי אָן. טייטשן, חנפענען. און דאָס געפעלט. חניפה איז זייער אַ מיאוסע זאַך. נעמט אפילו מענדעלען. וואָס דאַרפט איר מער? איך האָב אפילו פיינט חניפה. פונדעסטוועגן, אַז יענער נעמט מיך חנפענען דערוועקט זיך בײַ מיר אַ רחמנות און איך קאָן נישט בייז ווערן. אַ סך מאָל האָב איך געקוקט אויף אַזאַ יונגנמאַנטשיק. און כ׳האָב געהאַט גרויס חשק אים צו געבן אַ נעם בײַם אויער. אָבער אַזוי, אַז עס זאָל אים פאַרגיין אונטערן „לעפּעלע” און פרעגן:

— הער נאָר, דו שיינער בחור, דו אַזוינער און אַזוינער: גוט, דו שרייבסט, אַז איך מיין אַזוי און אַזוי, און אַז יענער האָט געמיינט אַזוי און אַזוי; דערפאַר האָט ער געשריבן אַזוי און אַזוי... אַלץ איז גוט און שיין און פיין. אָבער זאָג מיר נאָר תכשיט איינער: פונוואַנען ווייסטו דאָס די אַלע זאַכן? האַ? פונוואַנען ווייסטו, ווי אַזוי מען דאַרף שרייבן, אַז דו אַליין ביסט גאָר קיין שרייבער נישט? אויב ווידער דו ווייסט יאָ, טאָ אדרבא: פאַרקאַטשע די אַרבל און ווייז וואָס דו קאָנסט!

אָט אַזוי וויל איך פרעגן. אָבער גיי רעד, אַז יענער שטייט

אַזוי נעבעכדיק, אַזוי ערנסט און פרום, אַזוי יראת שמימדיק, אַז עס פאַרקלעמט באַם האַרץ.

דאָס איז אין אָנהייב. אָבער וואָס ווייטער, הערט שוין דער בלייכער יונגערמאַנטשיק אויף צו חנפענען און איידער וואָס ווען, אַהאַ! ער איז שוין דער באַלעבאָס. דער קאָמאַנדיר, דער באַפעלער, דער מורה־דרך, דער דעה־זאָגער און דער גרויסער יועץ! דעם הייבט ער און דעם דערנידערט ער. דעם גיט ער אַרויס אַ דיפּלאָם און דעם אסרט ער צו שרייבן.

דאָ ווער איך שוין גאָר אין כעס: געהערט אַ ביסל? פונוואַנען נעמט זיך עס אַזאַ העזה? אַליין קאָן ער גאָרנישט. ווייסט גאָרנישט. האָט נאָך קיינמאָל נישט געפּרוווט אויפשרייבן אַ רעכטע שורה. אָדער יאָ געפּרוווט און לא עליכם נישט געיכולט און ער — קומט עס באַפעלן אַנדערע ווי אַזוי צו טון?

— אַ נייער מלמד אויף מיין קאָפּ!

אָט אַזאַ חוצפה קאָן איך שוין נישט פאַרטראָגן. און איינעם אַזאַ מין קריטיקער האָב איך שוין מקיים־פּסק געווען.

מיר זענען דערווייל צוריקגעקומען ביז דער ווילאַ, זיך געזעצט אויף דער באַנק און דער זיידע האָט דערציילט ווי דאָס איז פאָרגעקומען:

— איינמאָל זיץ איך אַזוי אין מיין קאַבינעט, אַז מען קומט אַריין און מען זאָגט מיר: אַ יונגערמאַן וויל מיך זען. ווי הייסט דער יונגערמאַן? זאָגט מען מיר. אַהאַ! עפּעס אַ קענטלעכער נאָמען. און איך דערמאַן זיך, ס'איז דער און דער. ס'איז איינער פון די לייט, וואָס האָט געשריבן עפּעס אַ מאמר און מיך געלערנט ווי אַזוי צו שרייבן*). שטעל איך זיך אויף, פאַרקנעפּל זיך אויף אַלע קנעפּלעך, עפן די טיר און גיי אַרויס צום יונגנמאַן.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, יונגערמאַן?

זאָגט ער מיר ווער ער איז. און אַז ער איז מיך געקומען זעען. ער איז דאָ אין אָדעס, וויל ער מיך באַזוכן.

---

*) ס'איז, דאַכט מיר, געווען דער פאַרשטאָרבענער פּיטלאָוויץ, האָט געשריבן וועגן יידן אין „השלח".

קוק איך אַ ווײַלע, ער איז אַ נידעריקער. איך — ווי איר ווייסט, בין אַ ביסל אַ הויכער. קוק איך און איך זאָג צו אים אַזוי:

— הערט אויס, יונגערמאַן! בײַ אונז אין באַרדיטשעװ איז געװען אַ בעדער. אַ שטאָט־בעדער. איז ער בטבע געװען אַ קלײַנער, אַ נידעריקער, האָט גאָרנישט געהאַט קיין פּנים פון קיין מענטש. און װידער איז דאָרט געװען אַ שטאָט־גביר, איז ער געװען אַ הויכער, אַ ברייטפּלייציקער, מיט אַ קאָפּ העכער פון די העכסטע. איז, אַז דער גביר איז געקומען אין מרחץ אַרײַן, האָט דער בעדער געװאָלט אים מהנא זײַן און אים אָפּגיסן מיט אַ שעפל װאַסער. שטעלט זיך אָבער נאָר פאַר: װאָס פאַר אַן אויסזען עס האָט געהאַט דער קלײַנער בעדער קעגן דעם הויכן גביר! און אָט דער קלײַנטשיקער װיל אָפּגיסן מיט אַ שעפל װאַסער דעם הויכן! װאָס זשע האָט ער געטון? ער האָט גענומען אַ שעפל װאַסער, איז מיט דעם אַרויפגעקראָכן אויף דער אייבערשטער באַנק און געװאַרט. װען דער גביר איז גראָד פאַרבײַגעגאַנגען און — באַך! האָט ער פונדערהייך אַ פּליוכע געטון איבער אים!

שטייט דער יונגערמאַן און קוקט װי אַ האָן אין בני־אדם. ער פאַרשטייט נישט. זאָג איך אים:

— איז װאָס זשע? װילט איר אויך אַזוי טון? איר אַזאַ קלײַנטשיקער װילט מיך אָפּגיסן מיט אַ שעפל װאַסער?

דער יונגערמאַן איז געװאָרן בלייך, האָט אָנגעהויבן שטאַמלען, און איך האָב געזאָגט:

— איר װילט מיך זען? קוקט מיך אָן.

און האָב זיך גלײַך אויסגעדרייט און אַרײַן צוריק אין קאַבינעט און פאַרמאַכט די טיר נאָך זיך... כאָטש אײנעם מקיים־פּסק געװען.

דער זיידע איז גלײַך שטיל געװאָרן. דאָס מאָל — נישט געלאַכט. משמעות, ער האָט איצט געזען װי יענער איז געבליבן פאַרשעמט און ס'האָט אים אַ צי געטון. און װי ער װאָלט זיך געװאָלט פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, האָט ער אויסגעלאָזט:

— אַז ס'איז גאָרנישט אָפּצוּטשעפּען זיך פון די זלידנע זליגן... ווי די פּיאַווקעס האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף דער בידנער ליטעראַטור אונזערער און זייגן און זייגן... אַלץ ווייסן זיי, אַלץ פאַרשטייען זיי! און פרעג: פונוואַנען? און נעז! לידאַ־קעס! לאָמיך בעסער אויפהערן רעדן פון זיי... איך ווער טאַקע אויף אַן אמת בייז...

ט.

אין „אייגן ווינקעלע"

וואָכן-לאַנג האָט געדויערט דאָס שרייבן. דער זיידע האָט א סך מאָל איבערגעדיקטירט, יעדעס קאַפּיטל איז א סך מאָל גע-וואָרן איבערגעשריבן, איבערגעמאַכט און לסוף איז דער זיידע גע-בליבן נישט צופרידן. עפּעס נישט דאָס האָט ער געמיינט. משמעות: מיט דער זאַך, וואָס האָט געהייסן „בענקשאַפט", האָט דער זיידע געמיינט אַ סך מער צו דערגרייכן. ער האָט אויף דער זאַך געלייגט גרויסע האָפענונגען. ער האָט דורך דער שילדערונג געמיינט אויס-צוזינגען דאָס טיפסטע געפיל זיינס, געוואָלט איבערגעבן די טיף-לירישע שטימונג, וואָס ער האָט געטראָגן אין האַרץ אין צייט פון זיין שקיעה. אָבער — ס'איז נישט אַרויסגעקומען.

נאָך יעדן מאָל איבערלייענען די זאַך, איז דער זקן געבליבן זיצן שטיל, פאַרטראַכט, די אויגן געווענדט אין ווייטקייט און אויפן פנים אַ סך עגמת-נפש.

אָפט האָט ער אָפּגעזיפצט:

— מיט פרעמדע הענט... איי-איי... אַז איך אַליין האַלט נישט די פען אין האַנט...

די אויגן זענען געוואָרן אָנגעגאָסן מיט צער. פון די פאַר-פרעסטע ליפּן אַראָפּ האָט טרויער שטיל געוויינט.

— קומט... לאָמ'ר אַרויסגיין אינדרויסן.

האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן די געדריקטע שטימונג. עפּעס

איז אין אים פאַרוואַלקנט געוואָרן, אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל ס'איז שוין געווען סוף זומער?

מיר האָבן שפּאַצירט און דער זיידע האָט שוין געשוויגן. אין זיין שווייגן איז געווען פאַרלוירנקייט. די פעסטע זיכערקייט האָט זיך אַ וואַקל געטון.

שפּעט־זומער איז געשטאַנען אויף פעלדער און גערטנער. די תבואות זענען שוין געווען אַראָפּגענומען, די לאָנקעס געשניטן צום לעצטן מאָל, די גערטנער ליידיק, צעגראָבן. די בלעטלעך אויף די ביימער האָבן שוין געציטערט מיט שטיל שעפּטשעריי. דער ים איז געלעגן אָנגעכמורעט, דאָס ווינטל האָט שוין דערטראָגן עכאָס פון אָנקומענדיקן הארבסט, וואָס שפּאַנט אַהער. די זון איז געוואָרן שאַרפער, רויטער.

דער זיידע האָט מיט אַלע חושים דערפילט דאָס דערנענטערן־זיך פון הארבסט און ער אַליין — ווי די גאַנצע נאַטור האָט אָנגעהויבן פילן מידקייט.

די מידקייט איז געוואָרן געדיכטער, האָט זי שוין נישט געקאָנט באַהאַלטן.

ער האָט נאָך גערעדט פון אַרבעטן. נאָר שוין אָן דעם ברען. דאָס רעדן איז איצט געווען ענלעך צו חלומען אויף דער וואָך. איצט האָט שוין פּאַסירט: ער האָט עפּעס דערציילט. געשילדערט זאַכן, וואָס האָבן מיט אים פּאַסירט. אַלץ מיט זיין כאַראַקטעריסטישן לשון. מיט שאַרפזין. נאָר אינמיטן האָט געטראָפן, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט פון גלייכן וועג און אַריבער אויף אַ זייטיק וועגל. האָט איבערגעהיפּט, איז אַריבער פון איין ענין צו אַ צווייטן, שטיין געבליבן און געפרעגט:

— אַ? קענן וואָס זשע זאָג איך עס?

און האָט דערביי אָפּגעזיפצט מיט אַ ביסל צעשראָקענע אויגן.

אַלט געוואָרן רב מענדעלע.

די זאַך, וואָס ער האָט מיר דיקטירט איז געווען די לעצטע.

מער האָט שוין דער זיידע נישט געאַרבעט. אים איז שוין

שווער געווען זיך צו קאָנצענטרירן. ער האָט שוין נישט בעקאָנט פאָרמירן זיין טראַכטן, אָנקליידן עס מיט בלוט און פלייש.

דערווייל איז דער זומער אַוועק. דער האַרבסט האָט זיך אָנגערוקט און דער זיידע איז געוואָרן אומעטיקער.

צו יענער צייט האָט דער זיידע אָנגעהויבן חלומען אַ מאָדנעם חלום. ער האָט זיך דערחלומט צו עפּעס אַזוינס, וואָס האָט נישט געהאַט די קלענסטע מעגלעכקייט ווען עס איז פאַרווירקלעכט צו ווערן. אָבער דער זיידע האָט שוין נישט געטראַכט לאָגיש, נאָר קאַפּריזנע, האָט ער זיך אין דעם אויסגעטרוימטן אָנגעכאַפּט און זיך אָן דעם געהאַלטן מיט אַלע כוחות און מיט אַ מערקווירדיקער עקשנות.

ער האָט אויסגעחלומט אַן „אייגן ווינקעלע”.

וואָס איז דאָס פאַר אַ „ווינקעלע”? דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מין ריזיקע „ישובה”, אַ ספּעציעלע „מענדעלע-ישובה”, וואָס זאָל זיין אַ שטעטל פאַר זיך. דאָס שטעטל האָט געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן לויט אַ געוויסן פּלאַן. און טאַקע בּאַ אַדעס, אויף אַ גרויסן שטח ערד, וואָס האָט געדאַרפט פאַר דעם צוועק געקויפט ווערן. ער וואָלט אַפילו מסכים געווען, אַז דאָס „ווינקעלע” זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין ארץ-ישראל. אָבער דאָס איז נישט דער עיקר. דער עיקר איז דאָס „ווינקעלע”.

במשך פון וואָכן האָט דער זיידע צוגעטראַכט אַ פּלאַן פאַר דעם מין „בית המדרש של מענדעלע”. עס האָט געדאַרפט אויסגעבויט ווערן אַ קאָלאָסאַלע געביידע, וווּהין עס זאָלן צונויפזאַמלען זיך טאַקע דאָרט באַזעצן אַלע שרייבער און תלמידי חכמים, וואָס דאָס יידישע פאָלק פאַרמאָגט. מיט אים זאָלן כסדר פאַרברענגען אַלע זיינע פריינט און תלמידים: אחד-העם, ביאַליק, דובנאָוו, בן-עמי און אַנדערע שרייבער און געלערנטע. אַלע זאָלן זיך געפינען אונטערן זיידנס השגחה. אַלע טאָג זאָל ער פאַר זיי זאָגן אַ מין שיעור און מען זאָל זיך מפלפל זיין וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום יידישן פאָלק. דאָס יידישע פאָלק ווידער זאָל וואַרטן מיט אַלע ענינים, ביז פון „דאָרט” וועט קומען דער באַשלוס. פון דעם „ווינקעלע” „תצא תורה והוראה לכל תפוצות ישראל”.

דאָס דאַרף זיין אַ נייער „יבנה". וווהין עס זענען געווענדט אַלע אויגן פון פאָלק ישראל.

ווידער האָט דאָרט געדאַרפט אויפגעשטעלט ווערן אַ ריזיקע דרוקעריי מיט מאַשינען און ראָטאַציאָנס־מאַשינען. דאָרט זאָל זיין דער גרויסער יידישער פאַרלאַג פאַר אַ ל ע ספרים, אין וועלכע דאָס יידישע פאָלק נייטיקט זיך. דאָרט זאָל געדרוקט ווערן די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, פאַרשטייט זיך, אונטער דער השגחה און מיט דער הסכמה פון די חכמים פון נייעם „יבנה".

אַ גרויסע צייטונג האָט דאָרט געדאַרפט אַרויסגעגעבן ווערן פאַר אַלע יידן.

בקצור: אין זיידנס „ווינקעלע" זאָל זיין קאָנצענטרירט די גאַנצע יידישע שאַפונג, די גאַנצע קונסט און די גאַנצע חכמה.

אַ משונהדיקער חלום. אָבער דער זיידע האָט זיך אין אים אָנגעכאַפּט מיט אַלע כוחות. ער האָט וועגן דעם געטראַכט באַטאָג און באַנאַכט. האָט שטענדיק גערעדט וועגן דעם מיט אַזאַ איינגעשפּאַרטקייט, מיט אַזאַ פאַרביסנקייט, ווי וועגן אַ זאַך, וואָס קאָן באַשאַפן ווערן איינס און צוויי, ווען מען זאָל אים צוהעלפן אין דעם.

אַלע זיינע נאָענטע פריינט, אַלע, וואָס האָבן חס געהאַט אויף זיין כבוד, האָבן מיט אַ געבראָכן האַרץ אויסגעהערט זיינע רייד. און מען האָט פאַרשוויגן, עס האָט וויי געטון. מען האָט זיך מצער געווען, אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אַרויסצוטרעטן שאַרף און צעברעכן זיין ל ע צ ט ן חלום. מען האָט זיך געפּרוווט אַרויסזאָגן פאָרזיכטיק: מען דאַרף עס אָפּלייגן... ס'איז איצט נישט די צייט. מלחמות אויף דער וועלט... אַ צעמישעניש אין לעבן... אָבער דער זיידע פלעגט בייז ווערן: נאָר מען מוז אים טון צו להכעיס... מען פאַרגינט אים נישט... יידן האָבן אַ טבע נאָר מבטל צו זיין... אַז פריינט זענען קיין פריינט נישט... אַז מען וויל נאָר קאַליע מאַכן...

האָט עס שטאַרק וויי געטון און מען האָט שוין אינגאַנצן געשוויגן.

האָט זיך דאַן געפונען אין אָדעס דער אַרויסגעבער פון „אונזער לעבן". פון די אייגציקע יידישע צייטונג, וואָס איז דאַן דערשינען אין רוסלאַנד. איך ווייס נישט אין וואָס פאַר אַ זכות. נאָר דער אַרויסגעבער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט פון דער רוסישער „הויפּט־קוואַרטיר" באַקומען אַ דערלויבעניש אַרויס־צוגעבן דעם „אונזער לעבן". און אָט דער אַרויסגעבער, האָט דעם יידן געגומען צוגעבן חשק און אים איינגערעדט, אַז ס'איז נאַר־נישט אַזוי שווער דעם פּלאַן זיינעם דורכצופירן. אָט וואָס מען דאַרף טאָן: ער וועט זיך דורך זיין צייטונג ווענדן צום כּלל ישראל, מען זאָל אויסבויען פאַרן יידן אַן „אייגן ווינקעלע". און — נישקשה: יידן וועלן געבן געלט. עס וועלן פליען טויזנטער און גאָר אין אַ קורצער צייט אַרום וועט דעם יידנס חלום פאַרווירקלעכט ווערן. האָט דער ייד, דער אַרויסגעבער, ווירקלעך געגלייבט אין דעם? אָדער אפשר איז עס געווען נישט מער ווי אַ סענסאַציע, וואָס מען קאָן אויסנוצן פאַר דער צייטונג? איך נעם זיך נישט אונטער דאָס צו דערקלערן... דער ניידע האָט איינגעשטימט און — די צייטונג האָט זיך געווענדט מיט אַזאַ אויפרוף צום פאָלק ישראל. די ערשטע באַשטייערונגען זענען געמאַכט געוואָרן דורך דעם אַרויס־געבער און די מיטאַרבעטער. עטלעכע קליינע באַשטייערונגען זענען אָנגעקומען. דער פאָנד איז דערגאַנגען צו אַ נישטיקער סומע און נישט מער.

דעם יידנס נאָענטע פריינט האָבן לכתחילה געפילט דעם דורכ־פאַל און דעם אומזין. זיי האָבן זיך באַמיט אָפּצווענדן די זאַך, וואָס וועט מער ווי בזיון נישט ברענגען, נאָר דער ניידע איז ווי אַ קאַפּריזנע קינד בייז געוואָרן, האָט געגומען געבן אָנצוהערן, אַז ער גלייבט נישט אין זיינע פריינט און מען האָט געמוזט אויפ־הערן רעדן. געמוזט שווייגן און צוזען, ווי דער אַרויסגעבער מאַכט זיך נאַריש און דעם יידנס כּבוד ווערט פאַרשוועכט...

ס׳איז אָנגעקומען דער האַרבסט. דער זיידע האָט זיך צוריק אַריינגעצויגן אין שטאָט אַריין, צוריק זיך באַזעצט אין זיינע גרויסע, הויכע, מרה־שחורהדיקע צימערן אויף דיכטיאַרנע גאַסער פּערצן און אַלץ געשפּונען זיין חלום וועגן „ווינקעלע״.

די זאַך, וואָס ער האָט מיר דיקטירט, איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו דרוקן אין „אונזער לעבן״, ווו איך בין געווען אַ מיטאַרבעטער. און איינמאָל אין אַ טאָג. — ס׳איז געשטאַנען אַ נאַסער האַרבסט־טאָג אינדרויסן. פאַר די שויבן פון די פענצטער האָט געציטערט אַ דין דראָבנע רעגנדל, געטריבן אַ קעלט אין שטוב אַריין און אין די ביינער אַריין. עפנט זיך אויף די טיר פון רעדאַקציע און עס קומט אַריין אַן ערל. עפּעס אַ קענטלעכער. ווער איז ער? ער פרעגט זיך אויף מיר און דערלאַנגט מיר אַ צעטעלע:

— פון אַלטן „אוטשיטעל״ — זאָגט ער.

דער ערל איז דער „דוואָרניק״ פון תּלמוד־תּורה, ווו דער זיידע איז געווען פּאַרוואַלטער.

איך עפן דאָס בריוועלע: פון זיידן. די שורות זענען קרומלעך, די אותיות נישט אַזוי געטאָקט: „קומט תּיכף ומיד. למעה״ש קומט גלייך. איך באַדאַרף אייך זייער נייטיק״.

און נאָך עטלעכע ווערטער, וואָס זענען געשריבן אין אַזאַ טאָן, אַז איך האָב זיך געשראָקן. דערצו: ספּעציעל געשיקט מיטן „דוואָרניק״... וואָס איז געשען?

איך בין גלייך אַרויס פון רעדאַקציע, צוגערופן אַ דראָזשקע און באַפוילן:

— אויף דיכטיאַרנע 14... נאָר גיך...

דער דרויסן איז געווען אָנגעגאָסן מיט אומעט. שוואַרצע אָנגעברוגזטע וואָלקן זענען געקראָכן נידעריק, זיך געצויגן ווי קוי-

טיקע שטיקער וואַטע. און איך האָב געהאַלטן אין איין אונטער־איילן דעם דאָראָזשקאַזש: שנעלער... געריכט... מיר איז אויסגעקומען, אַז עס האָט עפּעס מי־יודע־וואָס פּאַסירט בײַם אַלטן.

אָנגעקומען אַהין, בין איך גיך אַריין אין קאָרידאָר, די טיר האָט מיר געעפֿנט די טאָכטער. איך האָב זיך באַגריסט און געפֿרעגט:

— ווו איז דער זיידע?

— דאָס האָט ער נאָך אײַך געשיקט?

— יאָ.

— ער איז אין קאַבינעט.

אַז איך בין אַריין אין קאַבינעט, האָב איך אים געטראָפֿן זיצן אַן אײַנגעבויגענעם. האָט אויסגעזען אַ סך נידעריקער. דאָס פּנים איז אים געווען פֿאַרמרהשחורהט. דער האַרבסט האָט פֿון אים געבלאָזן. אַזוי זעט אויס אַ בוים אין האַרבסט־רעגן.

— טאַקע געקומען!

און ער האָט לײַכט געשמייכלט.

אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס, וואָס ער דאַרף מיך האָבן אַזוי נייטיק, איז צוליב אָט וואָס: אין צווייטן קאַפּיטל פֿון „בענקשאַפֿט״, דאָרט ווו עס רעדט זיך וועגן דעם און דעם, געפֿינט זיך דאָרט אַ וואָרט אַזעלכעס און אַזעלכעס, טויג עס נישט. זאָל איך עס למעה״ש פֿאַרבײַטן אויף דעם און דעם וואָרט.

— דאָס אײַנגאַנצן? — האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעכאַפּט.

— ווײַניק פֿאַר אײַך? — וווּנדערט זיך דער זיידע.

און איך האָב זיך אויך געוווּנדערט: שוין וואָכן זעגען אַוועק זינט ער האָט עס מיר דיקטירט און האָט איצט גענוי געדענקט, ווו עס געפֿינט זיך דאָס וואָרט, וואָס דאַרף פֿאַרביטן ווערן...

און דער זיידע גיט מיר צו פֿאַרשטיין:

— פֿאַרשטייט איר מיך: אַ ייד האָט אַ טבע, אַז ער איילט זיך נישט. כאָטש באמת איז דאָ דאָ אַ ייד אַ צאַפּלדיקע בריה. לויפֿן, שרייען, האַווען, רעשן איז דאָך זײַן חזקה. ווען אָבער איז דאָס בערעדט געוואָרן — אַז קיינעם קאָן דערפֿון קיין טובה נישט אַרויסקומען. בפֿרט נאָך, אַז פֿאַרקערט: אַז יענעם קאָן אַרויסקומען אַ

שטיקל רעה, אַ פֿאַרציע עגמת נפש — דאַן איילט זיך אַ ייד... קוים אָבער ווייסט ער, אַז יענער קאָן האָבן אַ נוצן פֿון אים דאָ — לאַ. גייט ער נישט, לויפֿט ער נישט, רעשט נישט, נאָר באַקומט פֿלוצלינג צייט. וואָרים וואָס? וואָס איז דאָס איילעניש? עס וועט אים אַנטלויפֿן?

אַ יידישער שטייגער.

איז וואָס זשע טו איך? אַז איך זאָל אייך גלאַט מודיע זיין: קומט צו גיין; כאַאַט אייך אַריבער, וועט איר זיך פֿריער באַטראַכטן צי עס לוינט זיך, דערנאָך וועט איר זיך נישט איילן. אַז איר וועט האָבן צייט — וועט איר קומען. אָבער אַז מען שיקט אַ צעטעלע, דערביי נאָך מיט אַן ערל, און אין צעטעלע שטייט געשריבן: שוין, די מינוט, תיכף ומיד... מיינט מען דאָך מי יודע וואָס. און אויב ס'איז עפּעס געשען — דאָ וועט דיר שוין אַ ייד לויפֿן... נאָך אַ מין לויפֿן! וואָרים אַ ייד איז אַ בעלן צו וויסן: אדרבה: וואָס איז געשען. און פֿאַרוואָס זאָל אַן אַנדערער וויסן פֿריער פֿון מיר?

האָט זיך צעשמייכלט און אויסגעלאָזט:

— והא ראיה: אָט זעגט איר דאָך געקומען צו לויפֿן נישט טויט און נישט לעבעדיק.

און באַלד ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן „ווינקעלע". ווידער אויסגעלייגט זיין גאַנצן פּלאַן מיט אַלע פּיטשעווקעס. ווי אַזוי דאָס דאַרף אויפֿגעבויט ווערן. וויפֿיל בנינים עס דאַרפֿן זיין. וואָס דאָרט דאַרף אַלץ אויפֿגעטון ווערן. און וואָס פֿאַר אַ גרויסע זאַכן עס וועלן פֿון דאָרט אַרויסגיין...

זיצט די באָבע דערביי, הערט אויס און רופֿט זיך אָן:

— זע נאָר זע! ער קאָן גאָר נישט פֿאַרגעסן אָן דעם, אפֿילו אויף אַ מינוט. מען הערט נישט מער ווי „ווינקעלע" און „ווינקעלע". אַז ער טשעפּעט זיך צו צו עפּעס... שוין אַזאַ טבע בײַ אים.

און זי דערמאָנט זיך:

— אַזוי איז אַלעמאָל. אַז ער האָט געשריבן „די קליאַטשע" האָט ער גאַנצע נעכט נישט געלאָזט שלאָפֿן. ס'איז אויסגעקומען צו, אַנטלויפֿן פֿון שטוב... איך שלאָף און ער — אַהאַ! ער הירושעט

זוי אַ פערד להבדיל, מיאַקעט ווי אַ קאַץ, קלאַפּט דערביי איך בעט און האַווקעט ווי אַ הונט להבדיל.

— וואָס איז געשעען? וואָס טוסטו? גאָרנישט — זאָגט ער — איך מאַך נאָך, ווי עס דאַרף הירזשען דאָס פערד, מיאַקען די קאַץ און בילן דער כּלב... ס'איז נישט געווען אויסצוהאַלטן פון אים. און איצט — אַ מעשה מיט אַ „ווינקעלע"... גאַנצע נעכט רעדט ער פון ווינקעלע... ס'איז דען אויסצוהאַלטן?!

צעשמייכלט זיך דער זיידע:

— שריי נישט, פּעסעניו... הלוואי עס זאָל אַרויסקומען פון מיין איצטיקן פּלאַן אַזוי ווי עס איז אַרויסגעקומען פון מיין דעמאָלטיקן הירזשען און מיאַקען. ס'איז אַרויסגעקומען אַ קליאַטשע, האַ? פּעסעניו?

איך האָב געפּרוווט אָפּווענדן דעם זיידן פון פּלאַן. וואָרים וואָס? עס דאַרף דאָך אָפּקאָסטן אַ מטמון מיט געלט. און היינטיקע צייטן... ווער וועט עס געבן? ווו וועט מען עס נעמען? און ווער וועט דורכפירן אָט די אַרבעט? אָט דער ייד, וואָס איז צופעליק אַ באַלעבאָס פון אַ צייטונג?

נאָר דער זיידע האָט זיך עקשנותדיק געהאַלטן באַ זיינעם: קשיא. מענדעלע איז אַ גרויסער חשוב באַ יידן... איר וועט זען: יידן וועלן געבן געלד... איי דער אַרויסגעבער? איך קען אים גאַנץ גוט... אָבער וואָס קאָן איך מיר העלפן, אַז אייגענע ווילן גאָרנישט טון... אַז אייגענע ווילן אים נאָר איבערשפּאַרן... אָבער עס וועט זיי נישט העלפן! ער וועט זיינס אויספירן. איר וועט זען: עס וועט זיין דאָס „ווינקעלע".

אַרבעטן האָט שוין דער זיידע נישט געקאָנט. און ער האָט זיך דעריבער אָפּגעגעבן מיט זיין גאַנצער פאַנטאַזיע און גלויבן צו דעמדאָזיקן חלום, פון וועלכן ער האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען ביזן סוף פון זיין לעבן.

י.

סוף־שקיעה

ווינטער פון יאָר תרע"ח, האָט זיך אָנגעהויבן דעם זיידנס סוף־שקיעה: ווידער האָט דער זיידע באַקומען אַ פּאַראַליזש, האָט זיך געלייגט אין בעט און דער פּאַראַליזש האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן איבער זיין גאַנצן גוף.

דער ד"ר פּוריץ, וואָס איז געווען דער הויפּט־דאָקטאָר פון יידישן שפּיטאָל אין אָדעס, האָט געעצהט דעם זיידן איבערצופירן אין שפּיטאָל, ווו מען וועט קאָנען ווי געהעריק אויפפּאַסן אויף אים.

און אַ וואונדערלעכע זאַך: ווען דער גאַנצער גוף זיינער איז שוין געווען פאַרהילצערט, ווען ער האָט שוין נישט געקאָנט באַוועגן מיט קיין אבר, האָט זיין שאַרפער געדאַנק און פאַנטאַזיע נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן. דער פּאַראַליזש האָט באַהערשט דעם גוף — צום קאָפּ און האַרץ האָט ער קיין צוטריט נישט געהאַט. שווערער געווען צו באַקומען שליטה אויף דעם שטאַרקן גייסט ווי אויף דעם געעלטערן גוף.

איז דער זיידע געלעגן אין אַ באַזונדער צימער אין שפּיטאָל און האָט אָפט געהאַט שטאַרק עגמת־נפש. וואָס הייסט ער ליגט און גאָרנישט? ער האָט נישט געקאָנט רוען. זיין חשק צו שאַפן האָט זיך נישט געלאָשן.

זיפצט ער:

— אַ שיינער תּכלית! ליג, טראַכט און שוויג. איך זע איצט גאָר קלאָר פאַרשידענע בילדער און געשטאַלטן. עס שרייט ממש אין מיר: שרייב! און איך האָב פון וואָס צו שרייבן. איי האָב איך. נאָר גאָרנישט: מען מוז ליגן, הערן, זען און שוויגן, און ער האָט נאָך אַלץ געהאַפּט:

— נישקשה... מענדעלע וועט נאָך ווייזן, וואָס ער קאָן... דער ווינטער וועט אַוועק... ער וועט דאָך אייביק נישט זיין דאָ. עס וועט קומען דער ליכטיקער, שמעקעדיקער פרילינג. די זון וועט שיינען. די פעלדער וועלן גרינען. וועל איך אַ סך שפּאַצירן באַם ים. ליגן אויפן גראָז און שרייבן... איי וועט ער שרייבן.

דערווייל ליגט ער אויסגעצויגן גלייך ווי אַ ווירע. און מאָלט בעל פּה. שילדערט מענטשן אין פאַרשידענע צייטן. מאָלט ער אָפּ דעם זומער — איז מיט אַלע פּיטשעווקעס: מיטן זשומען פון די פליגן, מיטן פּישטשערייי פון די פייגל און מיטן בלאָזן פון ליבע שטילע ווינטלעך. און דאָס קלאָרע טראַמל לויפט מיט געזאַנג צווישן די הויכבאַוואַקסענע גרינע לאָנקעס, לויפט און זאָגט שורה צום בורא עולם, און די זון שמייכלט צו:

— אָט אַזוי, טייכל! זינג, זינג, וואַסערל! ביסט אַ דערקוויקונג און אַ דערפרישונג.

אָט אַזוי רעדט דער זיידע און מען הערט און מען דערפילט דעם ריח פון זומער און מען דערזעט די גרינע לאָנקע, באַטש אינדרויסן שטייט קאַלטער, כמורנער האַרבסט.

אַ מערקווירדיקן כּוח המושך האָבן זיינע רייד. עס קומען דאָקטוירים און הערן זיך צו. עס קומען באַדינעריגס און שלינגען די רייד.

ס'איז געווען איינמאָל אינדערפרי. לעבן זיידנס בעט געפונען זיך: ביאַליק, ראַווניצקי, פּיכמאַן און איך. שטייט מען און מען שווייגט. זעט מען: דער זיידע ליגט אינגאַנצן פּאַראַליזירט און נאָר דעם קאָפּ באַוועגט ער נאָך קוים. און דער זיידע שווייגט אויך. קוקט צום פענצטער מיט שטילן טרויער אין די אויגן. מיטאַמאָל — דער הימל האָט זיך משמעות ערגעץ צעריסן — און די זון האָט אַ גלאַנץ געטון, אויף די ווייבן. דורכן פענצטער רייסט זיך אַריין

פרישע, גאָלדענע שטראַלן. ברעכן זיך און פאַלן אויף דער קאָל־דערע, מיט וועלכער דער זיידע איז צוגעדעקט. ווערן אויפגעלויכטן דעם זיידנס אויגן. זיין פּנים ווערט אויסגעלייטערט. אַן אַנדערער זיידע! ווי אַ קינד דערפרייט ער זיך מיט דער גאָלדענער שיין.

— ס'אַר אַ ליבע, ליכטיקע זון! ס'ווערט גוט. אַ מחיה! איך האָב זיי אַזוי ליב די שטיפערס, די שטראַלן. איך האָב זיי ליב די ליכטיקע קונדייסים. אוי, ווי ליב איך האָב זיי!

— און מיט גרויס האָפנונג:

— באַלד וועט קומען דער זומער. דיביימער וועלן זיך צע־בליען. די תּבואות וועלן זיך צעשאָקלען און דער ים וועט רוישן און צאַפּלען אונטער דער ליכטיקער זון! וואָס איז שייך? בעוויס וועט ער גענעזן ווערן. די זון! איין קליינ־קייט די זון! „שמש צדקה ומרפא". די גרעסטע רפואה ברענגט די זון. זי איז דער גרעסטער דאָקטאָר און דער גרעסטער אַפּטייקער. אַז זי גיט אַ שיק אַרויס איר מעדעצין — די שטראַלן, ווערט מען געהיילט פון זיי... די גרעסטע ווונדער באַווייזט זי, די זון. ווי גוט עס איז צו ליגן אויפן גרינעם שמעקעדיקן גראָז, לעבן אַ קלאָר טייכל און פילן ווי די זון ברענט און גלעט דאָס פּנים, דעם האַלז און די אויגן. ליגסט זיך אַזוי שטיל און די שטראַלן גנבענען זיך אונטער דעם קאָלנער. בריען דעם האַלז און דו שמעקסט און הערסט ווי די בריאה זינגט. ס'איז „כּל עצמותי"... עס זינגט דער פויגל „שיר השירים" צו זיין געליבטער און די פליגן טאַנצן אויף דער חתונה פון זייערע מוזינקעס, וואָס זיי גיבן אויס. און דאָס טייכל יובלט, און די ביי־מער האַלטן אונטער. דו הערסט און דאָס האַרץ וואַקסט אין דיר פון שמחה. עפּעס אַ קלייניקייט: זומער און זון! עס קאָן דאָך ממש מחיה מתים זיין!

דערוויל — משמעות די זון איז אַרונטער אונטער אַ וואָלקן. די שטראַלן האָבן איינגעזאַפּט, נישטגעוואָרן. דער זיידע איז שטיל געוואָרן. דאָס פּנים — מיט צער, וואָס קומט פון געגועים. די אויגן — איבערגעצויגן מיט טרערנגלאַנץ.

דער זיידע האָט „רויסגעלאָזט אַ שווערן, טיפן זיפץ. אַ זעלטנ־

הייט באַ אים. און אין דעם זיפץ איז געווען אזא צער, ווי אין א זיפץ פון אַ יתום.
דערווייל קומט אַריין די פעלדשעריצע:
— איר ווילט עפּעס, זיידע?
— אַ? — ווי ער וואָלט ביז אַהער געדרימלט — צו איך עפּעס? איך וואָלט געוואָלט אַ ביסל אָדעקאָלאָן אויפן קאָפּ.
וואָס עפּעס אָדעקאָלאָן פּלוצלינג? איז אים אַ ביסל שווער געוואָרן אין קאָפּ און ער רעכנט מיט אָדעקאָלאָן זיך אָפּפרישן? נאָר קיינער פרעגט נישט. יעקב פיכמאַן נעמט דאָס פלעשל אָדע־קאָלאָן, גיסט אויף די ווייס־בלוילעכע האָר, רייבט איין מיט דער האַנט. דער זיידע שמייכלט מיט הנאה... משמעות: ס׳ווערט אים לייכטער און קלאָרער אין קאָפּ.
בלייבט ליגן מיט פאַרפרעסטע סאַרקאַסטישע ליפּן. די אמתע מענדעלע־מינע. קוקט טרויעריק, נאָר מיט קלאָרע, פאַרבענקטע אויגן פון אַ פאַרליבטן. מיטאַמאָל: ווידער אַ שווערן זיפץ.
אַזוי זיפצט אַן אָדלער, וואָס ליגט מיט געבראָכענע פליגל און זעט די הויכע בערג פאַר די אויגן.
די פעלדשעריצע מאַכט אים צורעכט דעם צוקאָפּנס און זאָגט:
— צו וואָס זיפצן, זיידע? מען דאַרף האָבן געדולד. נאָר געדולד און אַלץ וועט גוט זיין.
— געדולד — חזרט איבער דער זיידע — איי־איי גע־דולד... איר זעט? אָט דאָרט אויפן פענצטער ליגט זיך אַ הע־רינגל איינגעהאַקט אין פּולמעסיקל. ליגט עס זיך איינגעהאַקט, כּדת וכדין: מיט אַ ציבעקעלע, מיט עסיק און בוימל, מיט זאַלץ און פעפער און צימרינג כּמנהג ישראל. אַ מאכל מלכים... פון יידישע מלכים. ליגט זיך עס. נאָר דאָס האַלבע קעפּעלע מיט דעם איינציקן קיילעכדיקן אייגל איז גאַנץ. ליגט ער זיך דער „חתן־דנן" רויק, שטיל. שוויגט און קוקט צו מיר מיט דעם איינעם אייגל. ווינקט צו מיר, ווי ער וואָלט געמיינט צו פרעגן:
— אַ? ר׳ מענדעלע! וואָס וועסטו זאָגן צו מיר? זעסטו אין

וואָס פֿאַר אַ מעמד איך געפֿון זיך? איינגעהאַקט, איינגעבראָקט. וואָס זאָגסטו צו מיר? הא?

אַזוי קוקט ער און ווינקט צו מיר. ער קוקט אויף מיר מיט דעם אייגל און איך קוק אויף אים מיטביידע אויגן. שמייכל איך און ענטפֿער:

— מיין טייערער, ליבהאַרציקער הערינג! וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואָס? איך קאָן דיך נאָר אויפֿעסן, איינשלינגען און פֿון דיר הנאה האָבן.

און דער זיידע לאָזט אויס:

— אָט דער הערינג, וואָס ליגט זיך אַן איינגעהאַקטער און האָט נישט מער ווי איין אייגל — ער קאָן זיך זיין געדולדיק. ער האָט געדולד. ליגט ער רויק, שטיל און שוייגט. אָבער איך?...

און דער זיידע שמייכלט. שמייכלט פֿון זיין איינפֿאַל. און מאָלט אָפּ דעם הערינג מיט אַזאַ קלאָרקייט, אַז איר זעט ממש, ווי דער הערינג ליגט אויפֿן פֿענצטער און ווינקט מיט זיין איינעם אייגל. כאָטש אויפֿן פֿענצטער איז גאָרנישט נישטאָ.

אָט אַזוי רעדט דער זיידע טאָג איין טאָג אויס. און ער האָפֿט נאָך אַלץ. פֿונוואַנען האָט זיך דערנומען אַזאַ קוואַל פֿון האָפֿנונג?

אין יענער צייט — האָט דער זיידע דערלעבט אַ גרויסע שמחה: ער האָט באַקומען אַ טעלעגראַמע פֿון זיין איינציקן זון, אַז ער איז געוואָרן צוריק אַ ייד.

דער זון, וואָס איז אַ צייט מיט יאָרן געווען געטויפֿט, האָט שוין לאַנג געוואָלט צוריקקערן צום יידנטום. זיין טויפֿן זיך איז בעקומען צוליב געוויסע סיבות. אָבער צוריק ווערן אַ ייד איז געווען אין רוסלאַנד פֿאַרווערט. און ערשט נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע — די קערענסקי רעוואָלוציע — איז ער געוואָרן צוריק אַ ייד.

דער אַלטער האָט זיך זייער געפֿרייט מיט דער ידיעה. אָבער אויך די פֿרייד איז נישט געווען בכוח אים צום געזונט צו ברענגען.

און אזוי איז דער זיידע געלעגן אין שפּיטאָל עטלעכע וואָכן, ביז ס'האָבן זיך פּשוט אויסגעשעפּט די לעצטע טראָפּנס לעבן פון זיין גוף און — אָוונט איז געקומען. די קראַנקייט האָט שליטה באַקומען אויך אויף זיין מויל און פאַרשטערט די ווערטער פון זיינע ליפּן.

ער האָט דאָס לשון פאַרלוירן.

מער האָט שוין דער זיידע נישט גערעדט. אַ פּאָר טעג איז ער געלעגן שווייגנדיק. די אויגן האָבן זיך באַוועגט, די בליקן האָט מען נאָך געפילט, אָבער שטום. ס'איז געווען גרויס ווייטיק צוצוקוקן: די אויגן קוקן נאָך קלאָר, אַ ביסל בייז. דאָס פּנים — שיינט נאָך מענטשלעך. דער מוח אַרבעט חריפיש — אָבער ער זאָגט מער נישט אויס פון דעם, וואָס ער טראַכט.

אָפּטמאָל איז צו דערקענען אין זיינע בליקן, אַז ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר ער קאָן נישט.

איז ער ברוגז, פאַרעקשנט. ליגט מיט שטאָלץ, מיט סאַרקאַזם אויף די ליפּן. און עס דאַכט זיך, אַז ער שוויגט אויף צולהכעיס.

עס גלייבט זיך נישט, אַז דער זיידע וועט מער נישט רעדן. מען וואַרט נאָך אַלץ. אָט וועט מען דערהערן זיין קול.

דער הויפּט-דאָקטאָר פון שפּיטאָל זאָגט:

— אַזאַ דערשיינונג, איז אַ זעלטנהייט. דאָס האַרץ אַרבעט נאָרמאַל. באַ אַזעלכן קענען נסים געשעען. מעגלעך: היינט, מאָרגן זאָל ער אָנהייבן רעדן. אַלץ איז מעגלעך, באַ אַזאַ יונגן זקן.

און ר' מענדעלע ליגט מיט קלאָרע אויגן. דאָס פּנים, ווי אַ זון באַשיינטע בלום. עס דאַכט זיך:

דער זקן גרייט זיך צו אַ נס.

אָבער דער נס איז נישט געקומען.

נאָך צוויי טעג שווייגן, האָט ער פאַרמאַכט די אויגן און אריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. אַ פּאָר מאָל האָט ער זיך נאָך אויפגעכאַפּט. האָט לייכט אָפּגעזיפצט. עס האָט אויסגעזען, ווי אין זיך רופט ער:

— מאַמע.

און —

שבת כ״ג כסליו (25־טן נאָוועמבער — לויטן אַלטן סטיל — 1917) שנת תרע״ח, פינף אַ זייגער פאַרנאַכט, איז מענדעלע מוכר ספרים איינגעשלאָפן אויף אייביק.

יא.

דעם זיידנס לוויה

מענדעלע מוכר ספרים איז געשטאָרבן.

ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזן, ווי פּאָפּולער און טייער דער זיידע איז געווען בא אַלע יידן פון אַדעס. גאַנץ אַדעס האָט זיך דערפון דערוווּסט און אַלע האָבן דערפילט די גרויסע אבדה, וואָס דאָס יידנטום האָט געליטן דורכן טויט פון עלטסטן שריפט־שטעלער און וואָרט־קינסטלער.

ס'איז געווען אַ קאַלטער, שנייאיקער פרימאָרגן. אַ בייזער ווינט האָט געריסן, געטריבן דינע נאָדלען אין פּנים און אין האַלז. דער כסליו־טאָג איז געקומען אַ מרה־שחורהדיקער, אַ צאָרנדיקער, אַ טונקעלער. דער פראָסט איז געקראָכן אונטער די קליידער, האָט געשטאָכן אונטער די נעגל, אין די אויגן און —

באַלד באַגינען זענען שוואַרץ געוואָרן די גאַסן, וואָס האָבן געפירט צום יידישן שפּיטאָל. גרופּעס מענטשן האָבן זיך געצויגן פון אַלע זייטן. מענער און פרויען, בחורים און מיידלעך האָבן זיך געצויגן אַהער פון אַלע עקן שטאָט. יעדער איינער האָט זיך גע־פעדערט צו קומען באַגינען, כדי צו קאָנען אַ קוק געבן אויף דעם גרויסן זקן, וואָס איז געווען „משכמו ולמעלה גבוה מכל העם".

די מאַסע ווערט געדיכטער. מען באַלאַגערט דאָס שפּיטאָל, נאָר די טויערן פון גרויסן שפּיטאָל־הויף זענען געשלאָסן. מען האָט

מורא, עס זאָל נישט געשען אַן אומגליק. ווען האָט דאָס שפּיטאָל געזען אַזוי פיל מענטשן ? די גרויע ווענט זענען פאַרווונדערט. די שויבן זענען פאַרבליפט... מען לאָזט נישט אַריין אין הויף. שטייען טויזנטער יידן אַרום שפּיטאָל, וואַרטן געדולדיק און שטיל.

אויפן שפּיטאָל-הויף דרייען זיך אַרום די נאָענטע. אַלע שווייגן. אַ מאָדנע זאַך: מענדעלע איז דאָך געשטאָרבן אַ „זקן ושבע ימים" און פונדעסטוועגן דריקט אַזאַ שווערער טרויער אויף די הערצער. עס איז פּשוט נישט מסכּים צו זיין מיט דעם געדאַנק, אַז דער זיידע איז מער נישטאָ צווישן אונז. עפּעס האָט זיך עס נישט געקלעפּט צום שכל: מענדעלע — געשטאָרבן ? ווי אַזוי ? דער זיידע לעבט נישט מער ? און מיר האָבן שטענדיק געמיינט: דער זיידע געהערט נישט צו די מענטשן, וואָס קאָנען שטאַרבן...

איך בין אַריין אין כּויטן-שטיבל, ווו דער נפטר איז געלעגן.

אויך טויטערהייט איז ער געווען אַנדערש פון אַנדערע.

ער איז געלעגן אין ארון, געווען אָנגעטון אין תכריכים און אין טלית. איז געלעגן מיט אַ מאָדנער רויקייט און עס איז אויסגעקומען — ער שלאָפט. דאָס מויל — אַ ביסל אָפן, די אָדלער-נאָז — גאָרנישט פאַרשפּיצט, דערזעלבער קלאָרער ברייטער שטערן. עס גייט נאָך אויף דער הויך פון זיינע טראַכטונגען. די ווייס-בלוילעכע האָר. ריינע, געדיכטע. דאָס איז דאָך דער זיידע? דער אייגענער מענדעלע מוכר ספרים מיט זיין סאַרקאַסטישן שמייכל. ס'איז קיין ענדערונג נישטאָ. נאָר די אויגן — זיי זענען איצט שטאַרק געשלאָפן און פון אונטער די אויגנדעקלעך שלאָגט-אַרויס מאַטע געלקייט..

באַ זיין צוקאָפּנס ברענען ליכט, ברענען שטיל, פאַרטראַכט. עפּעס אַן אַלטער ייד זיצט מיט אַ ספר אין האַנט און מורמלט אַ געדוונגען מורמלעריי. עס איז נישט צום באַגרייפן: ווי אַזוי? ווי קומט אָט דער געדוונגענער ייד אַהער? ווער האָט אים דאָ צוזעקגעזעצט צו מורמלען ווערטער, וואָס זיינע אייגענע אויערן הערן זיי נישט ? אָט ער איז די חברותא פון זיידן?

הען דער זיידע וואָלט דאָס צוגעזען. און ווען ער וואָלט גע־קאָנט רעדן!

עס קומט אריין דער עלטסטער דאָקטאָר פון שפּיטאָל (ד״ר פּוריץ) קוקט ער אַ ווײַלע אויפן זיידן און זאָגט:

— ווייסט איר? דאָס איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס מיר קומט אויס צו זעען אַזאַ נ אָ ר מ אַ ל פּ אַ ר ע נ ד י ק ט ן פ י ז י אָ ל אָ ־ ג י ש ן פּ ר אָ צ ע ס. אַבראַמאָוויטש (מענדעלעס אמתער פאַמי־ליען־נאָמען) האָט אויסגעלעבט דאָס ג אַ נ צ ע לעבן זיינס. ביזן ל ע צ ט ן ט ר אָ פּ ן האָט ער עס אויסגעלעבט. ס'איז שוין ג אָ ר־ נ י ש ט ג ע ב ל י ב ן אויפן ד נ אָ. ס'איז דאָס גרעסטע וואונדער אין מיין פּראַקטיק.

און פונדעסטוועגן: ס'גלויבט זיך נישט.

אָט ליגט ער דאָך אַ ביסל אַ ברוגזער. ווו איז דער חותם פון טויט אויף זיין פּנים?

* * *

שעהן־לאַנג האָבן זיך געצויגן די דעלעגאַציעס פון פּאַרטייען, אָרגאַניזאַציעס און געזעלשאַפטן. אַלע קערפּערשאַפטן, וואָס זענען געווען אין דער שטאָט אָדעס, האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַציעס צו שיידן זיך מיטן זיידן.

דער גאַנצער, גרויסער שפּיטאָל־הויף איז געפּאַקט פון די דעלעגאַציעס בלויז. מען שטייט צוזאַמענגעדריקט. אין טויטן־שטיבל, אַרום דעם אָפענעם ארון, שטייען שרייבער, מקורבים, די משפּחה. שטייען שווייגנדיקע און נעמען נישט אַראָפּ די אויגן פון דעם פּנים, פון זיידנס פּנים, וואָס איז פונקט ווי געווען.

דער חזן פאַרענדיקט דעם מלא. מען פאַרמאַכט דעם ארון. דער צער ווערט טונקעלער. געדיכטער: שוין. מער וועט מען דעם זיידן נישט זען. שווייגנדיק נעמען די שרייבער דעם ארון אויף זייערע אַקסלען.

די גאַסן זענען געפּאַקט. אַלע קענען דעם זיידן. אַלע ווייסן, ווער ער איז. אַלע ווילן אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד.

מאַסן שווימען־אָן ווי כוואַליעס פון אַלע זייטן. דאָס ענגשאַפט איז גרויס. די לוויה גייט לאַנגזאַם טריט בײַ טריט. די מיטה מיט די נושאים זענען אַרומגערינגלט פון אַ שטאַרקער קייט, וואָס עס בילדן די יידישע זעלנער און סטודענטן.

פּלוצלינג — אַן אַלטע יידענע בלייבט אין דער קייט, בלייבט פאַרן ארון. זי אָטעמט שווער. מיט די לעצטע כוחות זיך אַרײַנגעריסן אַהער. מען הייסט זי אַרויסגיין פון „קייט". זי צעוויינט זיך אויף אַ קול:

— ער איז דאָך פון מיין שטאָט... לאָזט מיך... איך וויל מיטגיין בײַ זיין לוויה...

גיין האָט מען נאָר געקאָנט לעבן ארון. אַלע, וואָס האָבן דעם גאַנצן וועג געפּרעסט פון די זייטן, זענען קוים איינגעשטאַנען. פון גיין האָט מען גאָרנישט געקאָנט טראַכטן. און די יידענע וויל מיט־גיין... זי איז פון זיין שטאָט...

יענעם פרימאָרגן זענען אַלע קלייטן געווען געשלאָסן אין אָדעס. אַלע וואַרשטאַטן זענען געווען פאַרלאָזט. אַלע יידן — בײַ דער לוויה. די לוויה האָט זיך קוים באַוועגט. ערשט פאַרנאַכט איז מען אָנגעקומען צום בית־עולם.

* *
*

דער גאַנצער גרויסער בית־עולם איז געווען פאַרפּלייצט פון מענטשן. אַ סך זענען גלייך אינדערפרי אַהין אַוועק, געשטאַנען דעם גאַנצן טאָג געדולדיק און געוואַרט.

לעבן טרויער־זאַל האָט ח. נ. ביאַליק גערעדט העברעיש. זיין פּנים איז געווען בלאַס. זיין קול האָט געציטערט. אין

מאַלן האָט געשטיקט. די ווערטער זענען גרויס אָפּגעהאַקטע, באַזונדערע.

— דער יידע האָט געהאַט אַ זילבערנעם קאָפּ האָר...

אָבער... אַ פלא... פון צווישן די ווייסע האָר האָבן ארויסגעוואונקען שוואַרצע... אויף דער עלטער, האָט דער זיידע גענומען צוריק יונג ווערן... באַנייען זיין יוגנט... ווי דער בוים אין פרילינג... וואָס הייבט צוריק אָן וואַקסן...

„כל ישראל יש להם חלק בסבא ר' מענדעלע!" ער איז דער אוצר פון גאַנצן פאָלק.

דאָס קבר איז אָפן. אין איין שורה מיט די קברים פון פרוג, לעווינסקי, לילענבלום און דאַכט זיך אויך יהודה שטיינבערג. ארום קבר — דריי שורות מענטשן מיט געשלאָסענע אָרעמס. אונטער זיי — טויזנטער מאַסן.

עס רעדן דעלעגאַטן. טרויער-רעדע נאָך טרויער-רעדע.

מיטאַמאָל — עס ווערט שטיל און באַם אָפענעם קבר באַווייזט זיך אַ הויכער מאַן. מיט גרויע האָר און ווייס בערדל. מענדעלע! פונקט דער זעלבער!

דאָס איז געווען מענדעלעס איינציקער זון. האָט אויסגעזען פונקט, ווי מענדעלע. געשטאַנען אויסגעשטרעקט, הויך, דאָס קליינע, ווייסע בערדל אויף פאָרויס פאַרריסן. די נאָז פאַרשפּיצט. שוין אַליין אַ זקן.

אַ מאָדנע זעאונג: מענדעלע זאָגט קדיש נאָך מענדעלען.

און —

ער זון נעמט רעדן. ער רעדט רוסיש. נאָר ס'איז אַזוי יידיש. ער דערציילט עפּעס אַ לעגענדע: גאָט, ברוך הוא, האָט צוגעזען די גרויסע זינד פון ישראל. ער האָט געזען, ווי ישראל הרגעט אויס זיינע נביאים. און ער [illegible] די יידן דערפאַר פאַרטריבן. און אַז גאָט האָט זיך שפּעטער באַדענקט און רחמנות באַקומען אויף זיין פאָלק, האָט ער גענומען אַ ליכטיקע, ברילאַנטרייניע נשמה פון זיין אוצר, האָט זי אַראָפּגעשיקט אויף דעם עולם און געזאָגט:

— גיי, זיי אַ נביא, אַ מורה דרך און אויב דאָס פאָלק ישראל וועט דיך נישט הרגענען און דו וועסט צוריקקומען צו מיר און דאָס פאָלק וועט דיך באַוויינען — וועל איך וויסן, אַז עס איז געקומען די צייט אויסצולייזן מיין פאָלק.

און געוואַנדערט האָט די נשמה אויף דעם עולם. ווי לאַנג ? — ווער קאָן דאָס וויסן ? וואָרים :

— „דאָס לעבן פון דעם מענטש, וואָס ליגט דאָ אין קבר... זיין לעבן איז געווען אַ לעגענדע... און פונקט ווי בא יעדער לעגענדע ווייסן מיר נישט דעם אָנהייב... אַזוי ווייסן מיר נישט זיין אָנהייב : מען מיינט, אַז צוויי און אַכציק יאָר האָט ער געלעבט... מען זאָגט : עלטער איז ער געווען. אפשר ניינציק... און אפשר די גאַנצע הונדערט... ווער ווייסט דעם אָנהייב פון דער לעגענדע".

און איצט קערט צוריק די ליכטיקע נשמה פון איר וואַנדערוועג. און דאָס פאָלק — נישט נאָר האָט עס דעם נביא נישט גע-הרגעט, נאָר אַלע שטייען מיט געזונקענע קעפּ פאַר זיין קבר...

ער האָט גערעדט מיט טיפן צער. מיט גימטריות. גערעדט רוסיש, נאָר אַזוי י י ד י ש...

וויפיל איז טאַקע דער זיידע אַלט געווען ?

שווער פעסטצושטעלן. עס איז געווען אָנגענומען, אַז צוויי און אַכציק יאָר. נאָענטע האָבן געוווסט פון נאָך זיבן יאָר. פּינקטלעך — ווייסט מען טאַקע נישט.

„מען ווייסט נישט דעם אָ נ פ אַ נ ג פון אַ לעגענדע.

דער זיידע איז ווירקלעך געווען אַ לעגענדע.

* *

*

מען האָט פאַרשיט דאָס קבר. אָוונט איז געשטאַנען אויף דער וועלט. דער חזן האָט געצויגן מיט אַ וויינענדיק קול :

— „את נ—ש—מ—ת שלום-יעקב ב"ר משה-חיים אַבראַמאָ-וויטש שהלך לעולמו !"

ווי פרעמד ס׳האָט געקלונגען דער פּריוואַטער נאָמען. פאַראַן אַן אַנדערער נאָמען. אַ נאָענטער, אַ ליבער, אַ היימישער, דער לעגענדע־נאָמען „מענדעלע מוכר ספרים״. דער נאָמען איז נישט געשטאָרבן. ער לעבט און וועט לאַנג לעבן...

פילאַדעלפיא, 1928.